זשכצענסט׳ע יאהר

№ 3

„CZENSTOCHOWER CAJTUNG". פרייז 20 גראשען.

טשענסטאכאווער צייטונג

Piątek 15 stycznia 1937 | ליכט-צינדען 3.43 | פרייטאג פ׳ בא ג״ שבט תרצ״ז

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 284.

אזהרת הבד״צ דפה

וועגען כשר פלייש

דער ראבינאט מאכט בעקאנט, אז אונטער זיין השגחה שטעהען נאר פאלגענדע יאטקעס, אין וועלכע עס קען געקויפט ווערען כשר פלייש:

1) אברהם שטשערבאלא, בערקא יאסעלעוויטשא 2
2) יעקל וויינטרויב, אלעע 20
3) איצעק דימאנט, מיראווסקא 3
4) משה פייערשטיין, טארגאווע 1
5) שלמה יאקובאוויטש, אלטער מארק 14.
6) יצחק וויכמאן, אלטער מארק 14
7) הירש לייב גאבעל, אלעע 4
8) לייזער בוים, סענאטארסקא 2
9) קלמן גאבעל, נארוטאוויטשא 6
10) משה שטשערבאלא, נארוטאוויטשא 41.

דאגעגען ווארענט דער ראבינאט נישט צו קויפען קיין פלייש אין אנדערע יאטקעס, ווי אויך ביי די ארומטרעגער, איבער וועלכען פלייש עס איז נישטא קיין שום השגחה.

עפענטליכע ערקלערונג

דערמיט ערקלערען מיר אונזער עפענטליכע בעדויערונג געגען אנפאל פון אונזערע פרויען אויפ׳ן פערוואלטונגס מיטגליד פון דער היגער קהלה, ה׳ מ. פאגעל. מיר ערקלערען, אז דאס איז געשעהן געגען אונזער ווילען און וויסען, און מיר בעטען דעם ה׳ מ. פאגעל אין ענטשולדיגונג.

נחום שו״ב בערגמאן
יחזקאל שו״ב בערגמאן.

טשענסטאכאוו, ג׳ שבט תרצ״ז.

זונטאג פ׳ בשלח 1937 17.1 י. 11.15 א זייגער פארמיטאג קומט פאר אין דער נייער שוהל

א פייערליכע תפלה

צוליב דער ערעפנונג פון דעם יודאאיסטישען אינסטיטוט מיט פרעדיגטען פון הרב דר. מ. ברוידע און הרב סענ. פראפ. מ. שאר

אויף דער פייערונג לאדענט איין די יודישע בעפעלקערונג.

די פערוואלטונג פון דער נייער שוהל
און די קאמיסיע פון אינסטיטוט.

צענטראלער האנדווערקער-פערבאנד, ארטיגע אבטיילונג.
שבת, ד. 16 ד. ח. פונקטליך 6 אווענד אין אייגענעם לאקאל, אלעע 12
קומט פאר די יעהרליכע

אלגעמיינע פערזאמלונג

מיט פאלגענדען טאג-ארדנונג: 1) ערעפנונג, 2) וואהלען פון א פרעזידיום, 3) טעטיגקייטס-בעריכט, 4) קאסע-בעריכט. 5) וואהלען פון 11 פערוואלטונגס-מיטגלידער, 6) וואהלען פון א רעוויזיאנס-קאמיסיע און עהרען-געריכט, 9) פרייע פארשלאגען.

ODBIORNIK RADIOWY

należy kupić dobrej marki. Wobec tego we własnym interesie oglądaj wpierw

najnowsze odbiorniki Superheterodyny

na rok 1937 w firmie

OPTYK MEDICAL

Z. ERNER, 2-ga Aleja № 31.

Sprzedaż na najdogodniejszych warunkach oraz przyjmowane są Pożyczki Państwowe.

20 און 30

פאר ראזירען צחאמען מיט קאלאנסקע וואסער נור 20 גר.
פאר שעהרען מיט דער שעהר – – נור 30 גר.
פאר שעהרען מיט דער מאשינקע – נור 20 גר.
אין דער בעוואוסטער רעזורע פון א. לייזעראוויטש (לעווי פעלדשערס איידעם)
טארנאווא (יאטקע) גאס 5.
וואו עס ארבייט אנ׳ערשטקלאסיג פערסאנאל און די בעהאנדלונג איז די בעסטע.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חשוב׳ן גבאי

ה׳ משה אייזנער

צוליעב׳ן טויט פון זיין ברודער

פנחס נ״ע

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

די גבאים, קאמיטעט און מתפללים
פון דער שוהל „אהל יעקב", אלעע 4

LEKARZ-DENTYSTA

A. BOMS w WIELUNIU

ul. Śląska 8

przyjmie uczenicę do NAUKI TECHNIKI DENTYSTYCZNEJ. Zgłoszenia przyjmuje w niedzielę, wtorek i czwartek od godz. 8 do 8-30 wiecz. Warunki: uczenica musi mieć skończonych lat 15 i wykształcenie 4—5 klas gimnazjalnych.

ZAKŁAD RENTGENOLOGICZNY

Dr. med. BRAMA

Aleja Wolności 10.

Ultrakrótkie i krótkie fale do leczenia

zapalnych chorób wewnętrznych, neuralgii, stawów, chorób kobiecych i innych.

EDWARDA KRAUSKOPF

Lekarz-dentysta

ALEJA 11 m. 1

przyjmuje od 10—1 i od 4—7.

Oświadczenie.

Oświadczam niniejszem, że dn. 11 b. m. wystąpiłem z Ż.K.S. „Hakoach" w Częstochowie i nic wspólnego z powyższym klubem nie mam. J. JAKUBOWICZ

SZKOŁA TAŃCÓW baletm. Kosteckiego

w lokalu własnym

ul. Waszyngtona № 6.

Uczy modnie, wytwornie, w kompletach, pojedyńczo — zapisy codziennie. Opłaty przystępne.

ערען שבת א פראקטישע לעקציע פאר יודישער געזעלשאפט. אנהויב 8 אווענד. ערשטקלאסיגע מוזיק.

מיר בעטייליגען זיך אין גרויסען צער פון אונזערע פריינדינס שרה און פריידא ווי אויך פון דער גאנצער פאמיליע מייראנץ צוליעב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זייער מוטער ע״ה. זאל אייך גאט טרייסטען.

מ. ארענדארטשיק, מ. ארענבאך,
מ. זיידעמאן, נ. בוימאק

Sali i Frani oraz Rodzinie Majerantz z powodu zgonu Ich ukochanej MATKI nasze najgłębsze współczucie

M. Najmanówna, H. Szylitówna,
E Kamionerówna, Wieluń

מיין טיעפסטען מיטגעפיהל דער פאמיליע מייראנץ אין זייער גרויסען צער
זייט געטרייסט!

יעקב אהרן בלאה

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער ג׳ שעף ה׳ בנימין וואלף מייראנץ און קינדער צוליעב׳ן גרויסען און שמערצליכען פערלוסט פון זייער טייערע פרוי און מוטער לאה זייט געטרייסט.

דאס פערסאנאל פון דער פירמע מייראנץ:
אברהם יצחק פאטאלסקי און פרוי
אברהם איוואן, יוסף סקושיניא.

אונזער ג׳ פערוואלטונגס-מיטגליד ה׳ אברהם דוד יאקובאוויטש און פרוי צו דער חתונה פון זייער זוהן גאדל מיט פרל. ברײנדל ביערפריינד ווינשען מיר מזל-טוב און פיעל נחת
ראט און פערוואלטונג פון באנק ספולדזיעלטשי אין וויעלון.

א הארציגען מז״ט אונזער ג׳ שותף אברהם דוד יאקובאוויטש און פרוי צו דער חתונה פון זייער זוהן גאדל מיט פרל. ברײנדל ביערפריינד פון זאוויערטשע. דערלעבט פון זיי פיעל נחת.
שותפים פון „מלין ספולקאווי" אין וויעלון.

אונזער פריינד ה׳ אברהם דוד יאקובאוויטש און פרוי צו דער חתונה פון זיין זוהן גאדל מיט פרל. ברײנדל ביערפריינד אונזער הארציגען מזל-טוב
כיטאינהאבער פון „מלין אמעריקאנקא" אין וויעלון

מזל-טוב און פיעל נחת אונזערע פריינד ה׳ אברהם דוד יאקובאוויטש און פרוי צו דער חתונה פון זייער זוהן גאדל מיט פרל. ברײנדל ביערפריינד ווינשען
אשר מענדלעוויטש און פרוי, איכל לאנדוי און פרוי

א הארציגען מזל-טוב אונזער פריינד ה׳ אברהם דוד יאקובאוויטש און פרוי צו דער חתונה פון זייער זוהן גאדל מיט פרל. ברײנדל ביערפריינד. דעם יונגען פאר גליק
מאריץ פייפער און פרוי, וויעלון

אונזער ג׳ חבר גאדל יאקובאוויטש צו זיין חתונה מיט פרל. ברײנדל ביערפריינד אונזערע הארציגסטע ברכות און די עלטערן פיעל נחת און פרייד
אברהם מענדל לייזעראוויטש און פרוי, אברהם גערשאנאוויטש

דער פאמיליע יאקובאוויטש א הארציגען מז״ט צו דער חתונה פון זייער זוהן גאדל
שמואל יעקב שפיגעל און פרוי

מיין פעטער זלמן לעווקאוויטש צו זיין חתונה מאכען די טאכטער ווינש איך פיעל גליק און נחת
שמואל יעקב שפיגעל, וויעלון

סניף ישיבת-חכמי-לובלין בצ׳נסטחובה.

ב״ה.

זונטאג ה׳ שבט (חמשה עשר) פ׳ בשלח 6 אווענד
קומט פאר אין דער שטאדט-שוהל

א גראנדיעזע

אקאדעמיע

געווידמעט דער ישיבת חכמי לובלין מיט׳ן אנטייל פון

שאצער רב הרה״ג ר׳ משה חיים לויא שליט״א, חיינט אבד״ק פיעטרקוב

ר״ש קאטלארסקי אויס ווארשא און תלמידים פון דער לובלינער ישיבה

מיקירי התורה מתבקשים לבא ברוב עם !!!

איינגאנג פריי! איינגאנג פריי!

Rodzinie Szwarcbaum

z powodu śmierci Ich nieodżałowanej Żony i Matki

b. p. RYWKI

wyraża głębokie współczucie

Dawid Wien

מיר נעמען אנטייל אין צער פון דער

פאמיליע שווארצבוים

צוליעב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זייער הייס-געליעבטע פרוי און מוטער

רבקה נ״ע

און דריקען זיי אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

Hurtowa sprzedaż żelaza i bednarki

Salomon Gewircman i S-ka

Częstochowa

צו דער ערשטער שמערצליכער יאהרצייט פון אונזער אונפערגעסליכען מאן און פאטער

שלמה ליבערמאן ז״ל

וועט דינסטאג ז׳ שבט, ד. 19 יאנואר ד. י. 11 א זייגער פריה פארקומען די ענטהילונג פון דער מצבה, צו וועלכען ס׳לאדען איין קרובים און בעקאנטע

פרוי און קינדער.

נאטיצען.

די שחיטה-גזירה איז שוין איינגעפיהרט אין לעבען. דערווייל האלט מען ערשט ביים בראשית. ווי אזוי זי וועט זיך אבער שפעטער געשטאלטען, קען מען זיך נאך נישט פארשטעלען, ווייל דער ענין איז אזוי קאמפליצירט און שלעפט מיט זיך נאך אזעלכע ערשיינונגען, אז מען קאן לעת עתה נישט האבען קיין בעגריף, ווי אזוי זי וועט ווירקען אין אונזער לעבען.

דערווייל אבער ווילען מיר אויפמערקזאם מאכען אויף פאלגענדער ערשיינונג:

ווי בעוויסט איז געלונגען אויסצופועל'ן ביי דער געהעריגער מאכט, אז ביז די קאנצעסיעס וועלען אנקומען, זאלען א געוויסע צאהל יאטקעס מעגען צייטווייליג פערקויפען כשר פלייש. דעם פערגאנגענעם מאנטאג זענען דעריבער צים ערשטען מאל געשאכטען געווארען אויף כשר 18 בהמות, און שוין צומארגענס דינסטאג איז מעהר נישט געשאכטען געווארען קיין איין בהמה אויף כשר. די סיבה דערפון איז, וואס די יודישע בעפעלקערונג האט נישט געקויפט דאס כשר'ע פלייש פון די לעגאלע יאטקעס.

צו וואס אזא בעציהונג קאן דערפיהרען, איז נישט שווער זיך פארצושטעלען. די אויפזיכטס מאכט, וועלכע איז נישט פעראינטערעסירט, אז מיר זאלען האבען א גרויסען קאנטיגענט כשר פלייש, וועט זעהן, אז דער בעשטימטער קאנטיגענט איז א צו גרויסער, וועט זי דעם קאנטיגענט פאר טשענסטאכאוו פערקלענערען און דאס וועט בעשטימט זיין צום שאדען פון דער היגער יודישער געזעלשאפט.

קורץ, מיר מאכען אויפמערקזאם די יודישע בעפעלקערונג אין אונזער שטאדט, אז כדי מיר זאלען קאנען אונטערהאלטען אונזערע פאסטולאטען בנוגע דעם געהעריגען קאנטיגענט פאר כשר'ער שחיטה אין אונזער שטאדט, מוזען זיי קויפען פלייש נאר אין די היגע לעגאלע כשר'ע יאטקעס, אנדערש וועלען מיר אליין צוהעלפען אבצושוואכען אונזער פאזיציע אויף דעם געביעט.

זאל דאס די יודישע בעפעלקערונג פון אונזער שטאדט גוט געדענקען.

האלטען מיר שוין ענדליך אין מיטען ווינטער, און פונדעסטוועגען הערט מען נישט, אז די ווינטער אקציע פאר יודען, וועלכע דריקט זיך אויס אין ערטיילען קיהלען פאר די נויטבעדערפטיגע, זאל זיך אנהויבען.

אויב כ'האב קיין טעות נישט, האט דער בעריכט אבגעבער אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון „דאבראטשינגאשטש" ערקלערט, אז אויך היי-יאהר איז אונטערגענומען געווארען צוזאמען מיט'ן בית לחם א קיהלען-אקציע. טא פארוואס, רבותי, הערט מען נישט און מען זעהט נישט. דאכט זיך, אז ס'איז שוין די העכסטע צייט דערצו.

בעזונדערס מוז מען דערויף אויפמערקזאם מאכען דעם בית-לחם, וועלכער קאסירט איין זיינע בייטראגען א גאנץ יאהר, און פראדוקטען טיילען זיי נאר 2 מאל, העכסטענס דריי מאל אין יאהר, דאכט זיך, אז געוויסע סומען דארפען נאך בלייבען ביי דער דאזיגער אינסטיטוציע אין קאסע אויף צו ארגאניזירען אזא ווינטער-אקציע, און אויב זיי טהוען דאס אויך נישט, טא צו וואס איז דער גאנצער געפילדער, ווארום וואס קאן דען זיין וויכטיגער, ווי א קיהלען-פערטיילונג פאר די הונדערטער ארימע פאמיליעס, וועלכע פיהרען פאר קעלט.

צו וואס ווארטען ביז די קיהלען וועלען שוין נישט זיין נויטיג, ווען איצט איז די העכסטע צייט די קיהלען אקציע אדורכצופיהרען.

זאלען די אינסטיטוציעס, וועמעס אויפגאבע דאס איז, גוט וועגען דעם געדענקען.

ש.

ש. פייגענבוים

א קולטור-צענטער

צו דער ערעפנונג פון יודאאיסטישען אינסטיטוט ביי אונז אין שטאדט

עס איז אפשר — היינט צו טאג — אנ'אנאכראניזם צו וועלען בעריהרען קולטור-פראבלעמען, צו וועלען זיך אויפהויבען איבער דער גרויער טאגטעגליכקייט. מיין דור, וואס איז דערצויגען געווארען אין אונרוהיגע צייטען און שטורמדיגע הו-הא-טעג, האט זיך איינגעזאפט אין זיין בלוט דאס אונרוהיגע הו-האקייט.

אבער טיף אין דער נשמה — ביי יעדען איינעם פון אונז — טליעט ערגיץ וואו א בעהאלטענער דראנג. עס וויל זיך בעפרייען פון דעם גרויען טאג טעגליכקייט, עס ווילט זיך זעהר נישט ווערען אינגאנצען פערשלינגען פון דעם הו-הא; עס בענקט זיך נאך עפיס א קולטור-ווינקעל, נאך עפיס א מין מרכז רוחני.

אמת, מיר האבען היינט אויף דער יודישער גאס פערשידענע פארטייען (ממש א שפע), וואס יעדע איינע שפייזט איהרע מיטגלידער, א חוץ דעם טעגליכען ברויט, פארטיי-דאגמען, אויך מיט גייסטיגע שפייז אלס דעסערט, אין דער פארם פון פערשידענע פארטיי-ביבליאטעקען (ס'רוב) פון צווייפעלהאפטען ליטערארישען אדער ערציהערישען ווערט) פארלעזונגען קומען געגנצליך נישט בעטראכט, ווארום זיי זענען נור פון פארטייאישען אדער פאליטישען אינהאלט) פון אט דער ארימער פארטיי-ביבליאטעק זאל ער דאס שעפען די ידיעות, וואס זענען איהם נויטיג סיי אלס יוד און סיי אלס מענש?

איך האב נישט בדעה צו קריטיקירען פארטייען, ווייל פארטייען האבען אויך זייערע פאזיטיווע זייטען און אונזער געזעלשאפטליכקייט ווי למשל: שאפען א געוויסע פאליטישע איינשטעלונג; חוש פאר געזעלשאפטליכקייט; עס גיט דעם מענש א אידעע; און נאך, אבער נישט דא איז דאס ארט זיי אויסצורעכענען.

כאראקטעריסטיש ווי ענליך אין זייער קולטור-פרצוף עס זענען אלע שטעדט און שטעדטלעך אין דער ברייטער פראווינץ. אומעטום דיזעלבע פארטיי-ביבליאטעקען מיט איהר פארטיי-ליטעראטור. אבער אומעטום געפונט זיך עפיס א הייפעל מענשען, וואס ווילען זיך פעראייניגען ארום א הייליגער ארבייט ווי שאפען א קולטור-ווינקעל.

...יא, עס פעהלט אומעטום א אפאליטישער איבערפארטייאישער קולטור-צענטער, ארום וועלכען עס זאלען זיך קענען גרופירען פערשידענע יחידים, וואס ווילען זיך נישט אנגאזשירען אין פאליטישער ארבייט, אדער, פערקעהרט, פארטיי מענשען, וואס ווילען נישט ווערען אינגאנצען פערשלינגען פון דער פארטיי.

האט זיך טשענסטאכאוו די ערשטע ארויסגעריסען פון פארטייאישען ווערבעל, וואס הערשט אומעטום, און עס האט זיך געשאפען דער איבערפארטייאישער אפאליטישער קולטור-צענטער: דער יודאאיסטישער אינסטיטוט.

איהר ווילט וויסען די אויפגאבען פון דעם דאזיגען אינסטיטוט, אט זענען זיי:

שאפען ביי אונז אין שטאדט א צענטראלע ביבליאטעק, אין וועלכער עס זאל זיך געפונען (ווי ווייט ס'איז מעגליך) אלע ספרים און ביכער, וואס האבען בערייכערט אונזער קולטור-אוצר (וויסענשאפטליכע ביכער); קאנצענטרירען אין אט דער ביבליאטעק אלע ספרים און ביכער, וועלכע דערצעהלען וועגען אונזער לאנגען ווייטען וועג, וואס מיר האבען דורכגעמאכט ביז היינט צו טאג אין פערשידענע לענדער (היסטארישע ביכער), וואס זענען געשריבען פון יודען און נישט יודען. אלעס זאל זיך דארט געפונען הן די כתבים פון אונזערע מליצי ישרים צווישען די אומות העולם, הן די כתבים פון אונזערע שונאים און בילער'ס (נישט אויסגעשלאסען גלח טשעטשאק נייעסטע שרייבעכץ וועגען יודען) מיט איין ווארט, אלעס וואס האט שייכות מיט יודען, געשריבען דורך יודען און נישט יודען, סיי לטובת סיי לרעה אונז;

שאפען א פאלקס-אוניווערסיטעט, ווי עס זאלען ארויסטרעטען פרעלעגענטען אויף קולטורעלע, וויסענשאפטליכע און היסטארישע טעמען (דאכט זיך מיט דעם אליין האט ער שוין עקזיסטענץ-רעכט);

שאפען א לעזע-זאל, וואו מ'וועט קענען פריי יעדען אווענד פערברענגען ביי א בוך אדער ביי פערשידענע ארץ-ישראל צייטונגען און זשורנאלען.

דאכט זיך אויף דעם אלעם קען יעדער יוד געבען זיין אפראבאטע, זיין אונטערשריפט.

* * *

דארף מען נאך פערלירען רייד אויף צו פערטייטשען די וויכטיגקייט פון אזא קולטור-צענטער? דארף מען נאך ווערטער אויף צו בעווייזען די ווערט פון די געזעלשאפטליכע עלעמענטען, וואס האבען בעוויזען די קונץ צו שאפען ממש א יש מאין. אגב האט דער קולטור-צענטער געקאנט געשאפען ווערען אדאנק דעם, וואס איהרע איניציאטארען האבען זיך געהאלטען שטרענג, עס זאל נישט פערוואנדעלט ווערען אין א פארטיי-קרעמעל, נור עס זאל זיין שטרענג אפאליטיש און איבער פארטייאיש.

איז טאקע די העכסטע צייט, אז אונזער יודישע געזעלשאפט אין טשענסטאכאוו זאל זיך אבגעבען א חשבון, וואס פאר א בעדייטונג אזא צענטער האט פאר אונזער שטאדט סיי אלס נאציאנאלע סיי אלס ערציהערישע אינסטיטוציע און איהר ברייט אונטערשטיצען.

האט רחמנות!

מיט 14 טעג צוריק איז ארויס פון זיין הויז דער 26-יעהריגער יצחק וואליצקי, וועלכער איז נישט ביי די קלארע געדאנקען און איז ביז'ן היינטיגען טאג נישט צוריקגעקומען. זיינע סמנים זענען: מיטעלער וואוקס, טונקעלע האר, ברוינע אויגען, טראגט א ווייסע טריקאט-קאשולקע מיט א רויטען צייכען W.

ווער ס'וועט איהם טרעפען בעט מען צו האבען רחמנות און צוזוויסען טהון צו יהושיע וואליצקי, טשענסטאכאוו, גארנצארסקא 23.

ס'איז נאך נישט אזוי שלעכט...

קליינער פעליעטאן

— כ'ווייס נישט, וואס איהר קלאגט אזוי פיעל און האלט אין איין דערצעהלען וועגען צרות און גזירות—אט מיט אזא ברוך-הבא איז צו מיר נעכטען אריין מיין שכן גרונם פלטיאל — אפשר וואלט איהר אויך אונז דערצעהלט וועגען גוטע בשורות וועגען ישועות ונחמנות. ווארום—רעדט ווייטער מיין שכן—אויב מען זאל נאר לייענען וועגען דעם, וואס איהר שרייבט די לעצטע צייטען, וועט דאך נישט מעגליך זיין אויסצוהאלטען, וועט מען זיך דאך מוזען שונאי ישראל א מעשה אנטהון.

— אדרבה—זאג איך צו מיין שכן—זעצט אייך אוועק וועלען מיר זיך אדורכשמועסען וועגען דעם דאזיגען ענין.

מיין שכן האט זיך אוועקגעזעצט און איך האב גענומען ס'ווארט און איהם געזאגט אזוי צו זאגען: ליבער שכן גרונם פלטיאל. אוודאי האט איהר רעכט, אוודאי דארף מען אויך שרייבען וועגען אונזערע גליקען, אבער וואו זענען זיי. פון וואנען זאל איך זיי נעמען, אז ארום און ארום איז חושך מצרים, אז אלץ און אלע זענען נאר אויסען אונז להשמיד ולאבד טא פון וואנען זאל זיך נעמען דער כח דאס אלץ צו פערלייקענען, עס פערהוילען פאר די לעזער.

איך נעם ארויס מיין נאטיץ-ביכעל און הויב אן ארויסצולעזען די פערצייכענטע נאטיצען:

— נעהמט, למשל—זאג איך—די ראסען טעאריע, וועלכע היטלער-דייטשלאנד קנעלט איין מיט דער וועלט. זי ווערט וואס אמאל אלץ מעהר פערשפרייט צווישען די אומות און אויך ביי אונז דא אין לאנד בעקומט זי בלוט און פלייש און איינציגווייז הויבט מען זי אויך אנצווענדען אין לעבען. נו, געה, זיי א בעלן און שרייב, אז ס'איז א יור גוט און וואויל.

אין א רייהע שטעדט און שטעדטלעך פון פוילען קומען פאר „עקסצעסען" מיט יודישע קרבנות, ווי דאס איז לעצטענס געווען אין טוזשיושעווע און א סך אנדערע מקומות.

מען האט איינגעפיהרט די שחיטה-גזירה און צעהנער טויזענדער יודישע משפחות זענען בערויבט געווארען פון זייערע פרנסות.

אין די הויך-שולען קומען פאר מעשים אשר לא יעשו און ס'איז נישטא דער כח, וועלכער זאל וועלען פון דעם א סוף מאכען.

מען רייסט זיך איבער'ן ארימען יודישען סטראגאן, און נישט בלויז מען רייסט זיך איבער איהם, נאר מען רייסט איהם טאקי ארויס און נייע מחנות יודישע הענדלער ווערען בעטלער, שנארער. ועל כולם—ווען מען הערט זיך צו צו די רעדעס, וואס ווערען געהאלטען אין סיים, נישט בלויז פון די דעפוטאטען, וואס האבען געזאלט זיין אונזערע שליחי-צבור, נאר אפילו וואס עס זאגען אונזערע מיניסטארען וועגען אופן, ווי אזוי אונז משלח צו זיין בקרוב פון פוילען, ווערט אזוי קאלאמוטנע אויפ'ן הארצען, אז ס'בלייבט נישט איבער עפיס אנדערש ווי צו נעמען די פעדער אין האנד און אנשרייבען דאס איכה-ליד, און דערמיט טאקי זיך אראבערדען פון איבערפולטען הארצען.

ווארט נאר—דערמאן איך זיך די לעצטע מינוט און וויל ווייטער איבערצייגען מיין שכן, אז איך האב רעכט מיט מיינע קלאג-לידער—און וואס וועט איהר זאגען צו ארץ ישראל. ווי לאנג, אז מיר האבען געזאגט הלל, האלטענדיג, אז די גאולה שלימה איז געקומען. און זעהט, אין וואס פאר סיטואציע מיר געפונען זיך דארט, אז נאך 20 יאהר אנגעשטרענגטער ארבייט און מיה, נאכדעם ווי מיר האבען אהינגעשיקט אונזערע בעסטע קינדער, וועלכע האבען מיט שווייס און בלוט בעפרוכפערט די וויסטענישען. זיי פערוואנדעלט אין א גן-עדן אויף דער ערד, קומען איצט די אראבער און ווילען אלץ צוריק פערוויסטען. דאס פייגליכסטע איז נאך, וואס די ענגלישע אפיטרופסים שטעהען אויף דער זייט פון די אראבער און שיקען נאך אהין די קעניגליכע קאמיסיע, וואס וויל אויף א לעגאלען אופן בעגראבען אונזערע רעכט אויף ארץ-ישראל.

נו — „טרומפיר" איך און שריי אויס מיט א הויכער שטימע, אין וועלכער ס'פיהלט זיך א הייזעריגקייט צוליעב מיין שטארקע אויפרעגונג, מסתמא—נו, ווילט איהר, אז אין אזא צייט זאל איך שרייבען וועגען אונזערע גרויסע גדולות, וועגען אונזערע גליקען. אפשר זאל מען נאך ביי יעדען בלאט צייטונג—קאך איך זיך, כאפ אן מיין שכן ביי די קלאפעס און טרייסעל איהם—אפשר ווילט איהר, אז מען זאל אין יעדער צייטונג דערצעהלען וועגען נייע מאדערנע טענץ? גלויבט מיר, ר' גרונם פלטיאל, אז מיר וואלטען גערן געשריבען וועגען פרעהליכע זאכען, וואס זאל מען אבער טהון, אז מען קאן נישט, ווי זאגט אונזער גרויסער מייסטער מענדעלע מוכר ספרים אין זיין „פישקע דער קרומער": „ווען איך וויל שוין אמאל נעמען די פיעדעל אין האנד און אויסשפיעלען א פרעהליכס, פלאצט א סטרונע און עס הערט זיך א טרויריגס, א ליעד, וואס נאגט אין הארצען". דאס זעלבע איז מיט אונז שרייבער, וועלכע ס'קומט אויס צו פערצייכענען די געשעהענישען, וואס שפיעלען זיך אב אין אונזערע צייטען.

גלויבט מיר הארציגער שכן—ווערט מיין שטימע ווייכער און עס פיהלט זיך אין איהר טרערען—איך וואלט מיט שמחה אונטערגעטראגען די לעזער סאמע פרעהליכע ידיעות אבער ליידער די סביבה, די בעדינגונגען, אין וועלכע מיר לעבען דערלויבען עס נישט, און מיר, כאטש מיר זענען שרייבער, זענען אויך נאר מענשען, וואס ווערען בעהערשט פון דער ארומיגער אטמאספערע, וואס זאל מען טהון, אז די צייט איז א טרויריגע, אפשר די טרויריגסטע פון די לעצטע פאר יאהר-הונדערטער.

א לענגערע צייט האבען מיר ביידע געשוויגען, מיר זענען געזעסען אונטער'ן איינדרוק פון מיינע שילדערונגען און ס'דאכט זיך מיר, אז מיין שכן האט בגנבה אבגעווישט א טרעהר. נאר נאך א קורצער ווייל האט ער זיך אויפגעשטעלט, אויסשרייענדיג: פונדעסטוועגען! פונדעסטוועגען טאר מען נישט אריינפאלען אין פערצווייפלונג, מיר זענען דאך יודען, דאס אלטע אויסגעפרובטע פאלק ישראל, וואס איז שוין אדורכגעגאנגען אין פייער און וואסער און פונדעסטוועגען לעבט מען דאך.

— וואס איהר קאנט שרייבען, פרעגט איהר? — ווערט מיין שכנ'ס שטימע אלץ הייטערער, אט וואס: שרייבט, אז עס איז נאך נישט אזוי שלעכט, ווי מען מיינט, אז נאך נישט אלץ איז פערדארבען, אז אין דעם גרויסען ווירוואר פון רשעות און געמיינהייטען טויכען נאך אויף פון צייט צו צייט איינצעלנע פינקען, וואס וועלען זיך אין דער געהעריגער צייט צובלאזען אין א גרויס ליכט פאר דער גאנצער וועלט און אויך פאר אונז יודען.

נעמען מיר כסדר—רעדט ווייטער גרונם פלטיאל און רעכענט אויס די גוטע זייטען, וועלכע מען דארף פערצייכענען.

— אין ווארקי, וואו די אנטיסעמיטען פערשפרייטען זייערע העצעס געגען יודען, האט די דארטיגע ארגאניזאציע פון פ.פ.ס. ארויסגעלאזט אנ'אויפרוף געגען די אנטיסעמיטען.—אין א צווייט שטעדטיל האבען פויערים, וועלכע מען האט נישט געלאזט קויפען ביי יודען, צוטריבען די פיקעטען און זיי אנגעבראכען די ביינער.—ניעדזיאלקאווסקי דער פיהרער פון פ.פ.ס. האט זיך ארויסגעזאגט ענטשידען געגען די כוליגאנישע אנפאלען אויף יודען און בכלל געגען אנטיסעמיטיזם.—5 יוגענד ארגאניזאציעס פון שלאנסק האבען ארויסגעלאזט אנ'אויפרוף, אין וועלכען זיי דערקלערען אין זייערס א דעקלאראציע, אז זיי וועלען ענטשידען קעמפפען געגען אנטיסעמיטיזם.—אין לאנדאן איז פארגעקומען א פרא-יודישע קאנפערענץ אונטער דער אנפיהרונג פון א גייסטליכען.—אין גריכענלאנד ווייזט די רעגירונג ארויס גרויס פריינדליכקייט צו דער יודישער בעפעלקערונג.—דער מיטגליד פון דער קעניגליכער קאמיסיע רומבאלד האט איבערגעבעטען די יודען דערפאר, ווייל ער האט זיי אנגערופען „פרעמדע ראסע".—דער אויטאמאבילען-קעניג פארד, וועלכער האט א טייל פון זיינע פערדינטע דאלארען אויסגעגעבען אויף אנטיסעמיטישע פראפאגאנדע, האט דורך זיין אדוואקאט ערקלערט פייערליך, אז ער האט מיט אנטיסעמיטיזם נישט מעהר צו טהון!

אזעלכע און נאך ענליכע נייעסען דארפען פערנעמען די שפאלטען פון אייער צייטונג—פערענדיגט מיין שכן זיין אויפקלערונג—און דאס, מיין פריינד, וועט אריינברענגען א שטיקעל חיות אין די יודען. מען טאר נישט—שרייט שוין מיט א העכערער שטימע מיין שכן—זיך לאזען בעהערשען פון די שטימונגען, וואס רינגלען אונז ארום. דערויף זענט איהר זשורנאליסטען די אויסדערוועהלטע פון פאלק, אז איהר זאלט אפילו אין די שווערסטע צייטען האבען דעם כח זיך ארויפצוהויבען העכער פון אלעמען און אונז אויסזוכען די פאזיטיווע זייטען.

— אפשר זאל איך אויך דערצעהלען—זאג איך שוין מיט ביטערע איראניע—אפשר זאל איך אנזאגען די בשורה, אז נעכטען בין איך אהיימגעקומען פון גאס מיט גאנצע ביינער און דאס דארף פעררעכענט ווערען פאר איינע פון אונזערע גליקען?

— אזוי איז עס, אויך דאס, אז א יוד קאן ביי דער איצטיגער העצע אדורכגעהן די גאס און מען זאל איהם נישט שלאגען, איז א גרויסע זאך, איז א סימן, אז ס'איז נאך נישט אזוי שלעכט. דעריבער פערענדיגט זיין געשפרעך מיין שכן גרונם פלטיאל—הערט אויף אונז צו שפייזען מיט קלאג-לידער; שרייבט בעסער—איך נעם דאס אויף מיין פעראנטווארטליכקייט—שרייבט, אז טראץ אלעמען איז נאך נישט אזוי שלעכט...

סמאל,

„מלחמה=סאציאליזם"

פון לעאָ קעניג

נאַצי דייטשלאַנד הויבט אָן ווערען „סאָציאַליסטישער" — דער היטלער-גערינג „פיר יאָהר פּלאַן" (ס'איז מערקווירדיג, ווי אַט די ביטערע שונאים פון באָלשעוויזם שעהמען זיך נישט צו באָרגען פון די באָלשעוויקעס אפילו זייער טערמינאָלאָגיע) און דער שטרענגער קאָנטראָל, וואָס ווערט איצט איינגעפיהרט אין דייטשלאַנד אויף די פּראָפיטען פונ'ם פּריוואַטען קאַפּיטאַל — זאָגען עדות דערויף, אַז די נאַצי-פיהרער האָבען לעצטענס ווידער גענומען קאָקעטירען מיט סאָציאַליזם.

און ווי די קאָרעספּאָנדענטען פון דייטשלאַנד גיבען איבער האָבען לעצטענס לינקערע, די „אידעאַליסטישע" רעדעל-פיהרער די אויבערהאַנד אין דייטשלאַנד.

די מעסיגערע נאַצי-פּאָליטיקער, די פאָרשטעהער פון די אינדוסטריאַליסטען פון דער אַרמעע, און פונ'ם אַלטען דייטשען קאָנסערוואַטיזם — די פאָן פּאַפּענס און שאַכטס ליגען איצט הייסט עס איינגעלעגט, און די נאַצי-עקסטרעמיסטען, די אַזוי גערופענע „ראַדיקאַלען" זענען איצט היטלער'ס הויפּט-ראַט-געבער.

און די דייטשע מאַסען, דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק, וואָס ווערט איצט פּאַקטיש מאָביליזירט אונטער דעם גערינג היטלער פיער יאָהר פּלאַן, הערען איצט מעהר, ווי ווען עס איז פריהער, רעדעס וועגען סאָציאַליזם, וועגען פאָלקס-אייגענטום א. א. וו.

מיט וואָס זשע ערקלערט זיך אַט די לינקע ווענדונג, וועלכע מערקט זיך איצט אינ'ם דריטען רייך?

אַז עס זענען שטענדיג געווען רייבונגען צווישען די לינקע און רעכטע נאַצי רעדעל-פיהרער איז אַ גוט בעקאַנטע זאַך.

האָבען איצט די ראַדיקאַלערע לינקערע נאַציס, וועלכע זענען שטום געוואָרען, נאָך דעם ווי דער פיהרער האָט אַליין אָבגערוימט פון וועג זייערע „קעפּ", ווידער געוואונען דעם פיהרער'ס צוטרויען?

און האָט דער פיהרער איצט זיך ענדליך גענומען דורכפיהרען די סאָציאַליסטישע הילפס פון זיין נאַצי אידעאָלאָגיע?

עס קאָן זיין, אַז אַט די פראַגע שטעלען זיך איצט די נאַאיווע און פרומע נאַציס, וואָס זענען נאָך פערהאַן אינ'ם הייליגען דייטשלאַנד, אָבער אין אייראָפּאַ, אויסער דייטשלאַנד, זענען דאָס גאָר קיין פראַגעס נישט.

אין אייראָפּאַ איז איצט יעדען איינעם קלאָר פאַרוואָס היטלער הויבט אָן צו קאָקעטירען מיט סאָציאַליזם.

אייראָפּאַ האָט שוין דאַכט זיך מעהר קיין אילוזיעס נישט וועגען היטלער'ן און ס'איז פאַר יעדען איינעם קלאָר, אַז היטלער'ס סאָציאַליזם איז אין דער אמת'ן דער נייעסטער און בולט'סטער בעווייז, אַז ער גרייט זיך צו מלחמה, צו דעם „אויפרייס", וועגען וועלכען אפילו דער מעסיגער פינאַנץ-מיניסטער זיינער האָט דאָ נישט לאַנג צוריק געוואָרענט אייראָפּאַ. היטלער ווערט איצט סאָציאַליסטישער. פאַר וואָס זאָל ער עס נישט ווערען?

די דייטשע פאָלקס-מאַסען האָבען ווייזט אויס אויסצושטעהן אַ שווערען ביטערען ווינטער — פון נישט דערעסען און שווערע אינטענסיווע אַרבייט. אַלע פּראָדוצירענדע דייטשע פאָלקס כוחות זענען איצט מאָביליזירט, איינגעשפּאַנט אין אַ פּראָדוקציע, וועלכע האָט איין ציעל — זיין גרייט פאַר דער קומענדער מלחמה.

און די נויט וואַקסט, צו עסען ווערט אַלץ ווייניגער און ווייניגער, און אַז מען בעפעהלט די מאַסען צו פערציהען דעם גאַרטעל און אַרבייטען — מוז מען זיי דאָך פערגרינגערען די לאַגע מיט דרשות וועגען סאָציאַליזם, מיט דאָס-רעגלען און געזעצען, וואָס קענען אויסזעהען ווי סאָציאַליסטישע.

מען מוז דאָך פערזיסען זייערע ביטערע נויט און שווערע פּראַצע מיט האָפנונגען אויף אַ נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישער אָרדנונג.

איז דעריבער גאָר קיין וואונדער נישט פאַר וואָס עס האָט זיך איצט אין נאַצי-לאַנד בעוויזען אַ „סאָציאַליסטישע אָבנויגונג".

און נאָך אַ פּירוש איז פערהאַן אויף די לעצטע סאָציאַליסטישע טענדענצען אין היטלער'ס דריטען רייך.

מיר טאָרען נישט פערגעסן (און יעדער וואָס האָט איבערגעלעבט די לעצטע וועלט מלחמה געדענקט עס) אַז יעדעס פאָלק אין קריגס צושטאַנד איז אין אַ געוויסער מאָס אויך אין אַ מין סאָציאַליסטישען צושטאַנד.

בעת מלחמה ווערט אפילו די רעאַקציאָנערסטע רעגירונג סאָציאַליסטיש, נישט לשם סאָציאַליזם חלילה, נאָר צוליב ריין סטראַטעגישע טעמים: כדי די מלחמה זאָל בעסער אָנגעפיהרט ווערען, מוז דער שטאַט, וועלכע האָט אין נאָרמאַלע צייטען קיין חשק נישט זיך צו מישען אין פּריוואַטע אונטערנעהמונגען דאָך אויסאיבען אַ קאָנטראָל אויף די גרויסע אינדוסטריען. און נישט נאָר אויף די אינדוסטריען, וואָס פּראָדוצירען כלי-זיין, ווייל בשעת אַ קריג — און אַ מאָדערנע קריג! — איז יעדע פּראָדוקציע אין דער מדרגה פון אַמוניציע. ווייל מען געווינען אַ מלחמה — מוזען אַלע נאַציאָנאַלע ענערגיעס און אינדוסטריען קאָנצענטרירט און קאָנטראָלירט ווערען פון דער מלוכה.

איז דאָס נישט אין אַ געוויסער מאָס סאָציאַליזם? און דערצו מוז מען דאָך אויך זיין גוט צו גרויסע מאַסען קאַנאָנען-פלייש — זאָגט מען זיי צו הרים וגבהות: זיי וועלען קומען צוריק פון די אָקאָפּעס וועט אויף זיי וואַרטען אַ „העלדען-לאַנד", אַ סאָציאַליסטישע אימפּעריע, וואו אפילו די קאַפּיטאַליסטען און אינדוסטריאַליסטען ברענגען גרויסע אָפּפער לטובת הכלל.

אַט אין דעם ליכט זעהט איצט אייראָפּאַ היטלער'ס פיער יאָהר פּלאַן, מיט זיינע נייע סאָציאַליסטישע אָנצוהערענישען.

היטלער פערענדיגט איצט די ריזיגע מאָביליזאַציע, וואָס ער האָט אָנגעפאַנגען פון זינט ער האָט פערכאַפּט די מאַכט, און צוליב ריין מיליטאַריסטישע און סטראַטעגישע טעמים גיט ער איצט דער פאָלקס-מאָביליזאַציע אַ סאָציאַליסטישע פאַרבונג: אַז די מאָביליזאַציע וועט זיין שטאַרקער, אַז די הונגעריגע מאַסען וועלען אַזוי שטאַרק נישט גראַמבלען.

און די פאָרשטעהער פון די דייטשע אינדוסטריאַליסטען און פון דער אַרמעע שווייגען איצט און לאָזען זיך דערווייל שטאַרק בעשטייערען.

זיי קענען וואַרטען אויף די גרויסע פּראָפיטען וואָס די נייע מאָרגען און קאָלאָניעס וועלען זיי ברענגען... נאָך דער נייער מלחמה.

סאָציאַלע שטעלונג פון די יודען אין דרום=אַראַביע

פון ד"ר עריך בראוער

עס איז קיין צווייפעל נישט, אַז יודען האָבען זיך בעזעצט זעהר פריה אויפ'ן אַראַבישען האַלב-אינזעל, אָבער מיר בעזיצען נישט קיין שום זיכערע ידיעות וועגען דעם, אין וועלכער צייט דאָס איז געשעהן. לויט דער טראַדיציע, האָבען די יודען דאָרט איינגעוואַנדערט נאָך פאַר'ן חורבן בית ראשון (587 פאַר קריסטוס געבורט). עס איז אפילו מעגליך, אַז יודען זענען שוין פריהער געקומען אין אַראַביע. דאַמאָלס איז אַראַביע געווען אַ בעדייטענד האַנדעלס- און טראַנזיט-לאַנד פאַר די סחורות פונ'ם ווייטען מזרח, און האָט בלי ספק אויך צוגעצויגען יודען.

יודישע קאָלאָניעס האָבען זיך געפונען אין צפון און דרום-אַראַביע. אָבער אין דער צייט, ווען די ענטשטעהונג פון איסלאַם (625 נאָך קריסטוס געבורט) האָט געבראַכט אַ חורבן פאַר די יודען פון צפון-אַראַביע, זענען אפנים מחמד און זיינע נאָכפאָלגער נישט געווען פעראינטערעסירט צו פערניכטען די דרום-אַראַבישע יודען. דאָס דרום אַראַבישע יודענטום האָט זיך דערהאַלטען און האָט אפילו טראָץ אַלע פערפאָלגונגען געקענט פערפעסטיגען זיין מצב אין די קומענדיגע יאָהרהונדערטער.

אויך דער סאָציאַלער מצב פון די דרום-אַראַבישע יודען, ד. ה. די תימנים, איז געווען אַ גאַנץ אַנדערער, ווי דער מצב פון די צפון-אַראַבישע יודען. די יודען אין צפון זענען בעשטאַנען פון שבטים, וועלכע האָבען געלעבט אין געשלאָסענע ישובים. זיי האָבען געהאַט באָדען, פערנומען זיך מיט ערד-אַרבייט, געהאַט האַנדווערקער און הענדלער, וועלכע האָבען זיך בעטייליגט אין קאַראַוואַנען-האַנדעל, וועלכער איז געווען דער יסוד פון ווירטשאַפט ביי די צפון-אַראַבישע שטאַטען. דאַגעגען דאָס דרום-אַראַבישע יודענטום האָט געהאַט צו טהון מיט אַן'אַרומיגער בעפעלקערונג, וועלכע האָט זיך הויפּטזעכליך פערנומען מיט גערטנעריי. במשך פון דער צייט האָבען די תימנים פערנומען לגבי דער אַרומיגער בעפעלקערונג אַ סאָציאַלע שטעלונג, אין וועלכער עס איז אַדאַנק איהר איינזייטיגקייט בעשטאַנען הן זייער כח הן זייער שוואַכקייט.

דרום אַראַביע, דאָס לאַנד פון מלכת שבא, איז געווען נישט בלויז דאָס לאַנד פון גלענצענדיגען האַנדעל, וואוהין עס האָבען געשטראָמט די אוצרות פון די ווייטסטע לענדער און וואו מען האָט געוואוסט, אַ לאַנגע צייט פאַר וואַסקאַ דע גאַמאַ, דעם ים וועג נאָך אינדיע און צום מאַלאַאישען אַרכיפּעלאַג. דאָס איז געווען קודם כל אויך דאָס לאַנד, וועלכעס איז מעהר ווי גאַנץ אַראַביע געבענטשט געוואָרען דורך דער נאַטור און ס'האָט זיך אַדאַנק דעם ענטוויקעלט דאָרט אַ הויכע קולטור פון גערטנעריי, מיט ברייטע בעוואַסערונג-איינריכטונגען. אין דער דאָזיגער סביבה זענען די יודען, וועלכע עס איז געלונגען צו קאָנצענטרירען אין זייערע הענט די גאַנצע האַנדווערקעריי, געוואָרען אַ נויטווענדיגער עלעמענט פון דער בעפעלקערונג.

די יודען אין תימן זענען אפנים אויך פאַר דער איינפיהרונג פון איסלאַם געווען טעטיג הויפּטזעכליך אַלס האַנדווערקער און האָבען זיך זעהר ווייניג בעטייליגט אין גערטנעריי. וועגען דעם זאָגען עדות אַלע ידיעות, און בעזונדערס די, וועלכע מיר געפונען אין זייערע לעגענדעס. אָבער די ענטוויקלונג פון האַנדווערק ביי די תימנים האָט דערגרייכט איהר העכסטען פּונקט נאָכ'ן איינפיהרען דעם איסלאַם.

איצט זענען די יודען, אַלס אונגלויביגע, אונטערגעוואָרפען געוואָרען דעם איסלאַמישען פרעמדען-רעכט. דאָס דאָזיגע רעכט שרייבט פאָר, אַז פון אַ נישט מאַכמעדאַנער ווערט גענומען נאָר דער קאָפּ-שטייער, אָבער נישט דער איסלאַמישער באָדען שטייער, דער עשר. אַלס פּועל-יוצא דערפון, האָט דער אונגלויביגער נישט געטאָרט בעאַרבייטען באָדען אין מאַכמעדאַנישע לענדער. אויף אַזאַ אופן זענען אַלע תימנים געדרענגט געוואָרען צו האַנדווערקעריי. עס איז פאָרגעקומען אַ פולשטענדיגע סאָציאַלע חלוקה: דער מוזולמענער האָט בעאַרבייט דעם באָדען, דער יוד איז געווען אַ בעל מלאכה. עס האָט זיך ענטוויקעלט אַ גלייכגעוויכט פון כחות, פון וועלכע איינער איז געווען אַנגעווי-

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

א פעלד פון נייע פרנסות...

עס פיהרט זיך אַ קאַמף וועגען צונעמען ביי יודען דעם סטראַגאַן. אַט האַלטען אונזערע שכנים אין איין טענה'ן, אַז טאָמער וועלען זיי צונעמען ביי יודען דעם סטראַגאַן, זענען זיי געהאָלפען, איי, דעם שכל דעם טריק וואָס מען דאַרף האָבען צו אַ סטראַגאַן? דאָס וועלען זיי זיך-זאָגען זיי -שוין אויסלערנען.

צי זיי וועלען טאַקי איבערנעמען צוזאַמען מיט'ן סטראַגאַן די יודישע פעהיגקייטען צו מסחר'ן — איז נאָך אַ פראַגע, נאָר, אַז זיי האָבען זיך שוין גענומען צו פערשידענע קאָמבינאַציעס, בעווייזען פאָלגענדע פאַקטען:

עס איז אַקטועל הייגט אין פוילען, אַז יודען זאָלען „בעליידיגען" דאָס פוילישע פאָלק. מילא, אַז דאָס איז אַ מכת-מדינה, איז דאָך נישט שייך. נעמען זיך קריסטליכע אַפעריסטען, שטעלען אָב אַ יודען און רעדען איהם איין, אַז ער האָט בעליידיגט דאָס פוילישע פאָלק; אויב זיי וועלען-ערקלערען זיי איהם ווייטער-מעלדען וואו מען דאַרף, וועט מען איהם בעשטימט פער'משפט'ען. נאָר וואָס דען? זיי קענען פערשווייגען דעם גאַנצען ענין, מיט'ן בעדינג, אַז ער זאָל זיי געבען כך וכך. דער יוד, וועלכער איז שטאַרק אָנגעשראָקען. איבריגענס, ווייסט ער דאָך טאַקי פון דער פּראַקטיק, אַז אַזעלכע משפטים זענען שוין פאָרגעקומען און ס'איז גענוג, אַז די דאָזיגע עדות זאָלען ערקלערען, אַז זיי אַליין האָבען דאָס „געהערט", האָט ער טאַקי זיך אויף אַן'אמת דערשראָקען און געוואָלט זיך אויסקויפען פון בלבול. צו זיין מזל האָט דער יוד פונקט נישט געהאַט ביי זיך קיין געלד און זיי געהייסען קומען צו זיך אַהיים. ביז וואָס ווען, האָט ער זיך מיישב געווען, אַז דאָס מוזען זיין אַפעריסטען, האָט ער געמאָלדען דערפון פּאָליציי און ווען די זעלבע קריסטען זענען געקומען צו איהם נאָכ'ן געלד, האָט פּאָליציי זיי פערהאַלטען.

דאָס מאָל איז זיי טאַקי דאָס שמיקעל נישט געלונגען, אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער הייגטיגער צייט איז עס פאַרט.

א צווייטע מעשה:

אין דער פאַבריק פון ד. קומען אַמאָל איינדערפריה צוויי קריסטליכע מיידלעך זיך שטעלען צו דער אַרבייט. ווען דער אייגענטימער פרעגט זיי ווער ס'האָט זיי אָנגאַזשירט, האָבען זיי געענטפערט, אַז זיי האָבען בעצאָהלט צו 15 זלאָטעס צוויי קריסטליכע „מייסטער" און יענע האָבען זיי געהייסען דאָ קומען אַרבייטען. ס'פערשטעהט זיך, אַז די 2 מיידלעך זענען געפאַלען קרבנות פון 2 אַפעריסטען.

אַמאָל האָט מען געזאָגט, אַז אַזעלכע שטיקלעך קענען נאָר מאַכען יודישע שווינדלער, היינט ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך נישט יודען זענען פעהיג צו אַזעלכע אַפערעס.

זיי האָבען געפונען אַ פעלד פאַר נייע פרנסות...

אויך אין שפּאַנישען בירגער=קריג זענען שולדיג יודען...

ס'פערשטעהט זיך, אַז אין אַלע אומגליקען, וואָס פּאַסירען נאָר אויף דער וועלט, זענען שולדיג די יודען. וואָס, איהר ווילט נישט גלויבען? טאָ פרעגט ביי די ענדעקעס, וועלען זיי אייך דאָס ווייזען שוואַרץ אויף ווייס אין זייערע יודען-פרעסערישע צייטונגען...

די יודען זענען שולדיג — שרייבען זיי — אין שפּאַנישען בירגער-קריג. פרעגט מען דאָך זיי, היתכן? ווי אַזוי זענען יודען שולדיג אין שפּאַניעס חורבן, אַז דאָרט זענען איבערהויפּט נישט פערהאַנען קיין יודען, ווערען די ענדעקעס נישט רויט פאַר חרפה צוליב זייער העסליכען ליגען, נאָר ענטפערען מיט אַ ציניש'ן שמייכעל: אַט טאַקי דערפאַר, ווייל דאָרט זענען נישטאָ קיין יודען, זענען זיי טאַקי שולדיג, וואָרים ווען ס'וואָלטען געווען יודען אין שפּאַניען, וואָלט מען דאָך די יודען געשלאָגען. און אַזוי ווי קיין יודען זענען אין שפּאַניען נישטאָ, מוזען די שפּאַניער צווישען זיך אַליין שיסען. נו, איז דאָס דען נישט דער בעסטער בעווייז, אַז אויך דאָרט אין שפּאַנישען בירגער-קריג זענען שולדיג יודען?...

אָהן זייער וויסען...

מיר האָבען יענע וואָך דערצעהלט, ווי אַזוי 4 שוחט'אָוועס האָבען געוואָלט מאַכען אַן'אָנפאַל אויפ'ן קהלה-דאָזאָר ה' מ. פאָגעל, און זיך בעגניגענט מיט אַביסעל ברכות, וואָס מעגען מקוים ווערען אונזערע שונאים.

דער דאָזיגער „אַטענטאַט" האָט אַרויסגערופען גרויס פערביטערונג אין די קהלה קרייזען און אויך געמאַכט אַ זעהר שלעכטען איינדרוק אין דער שטאָדט. ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז 2 ווייבער פון די שוחטים זאַנדער און שאַנצער זענען אָנגערעדט געוואָרען צו נעמען אַנטייל אין אָנפאַל דורך דער קאָמענדאַנטקע בחומ'אָווא בערגמאַנאָווא, און אַז די אויבענדערמאַנטע ווייבער האָבען אפילו נישט צו וויסען געטהון זייערע מענער, דאָס זיי געהן קעמפען אַ מלחמת מצוה. והא ראיה — זייערע מענער, די שוחטים זאַנדער און שאַנצער, האָבען עפענטליך געבעטען ענטשולדיגונג און דעם ה' פאָגעל איבערגעבעטען. דאַגעגען די ווייבער פון די שוחטים נחום און יחזקאל בערגמאַן האַלטען, אַז זיי האָבען גוט געטהון און אויך זייערע מענער האָבען דערויף נישט קיין חרטה. הייסט עס דאָך, אַז דאָס איז יאָ געווען מיט זייער וויסען.

כ'ווייס נישט, און נישט נאָר איך אַליין ווייס נישט, נאָר אויך איהר און קיינער ווייסט נישט, וואָס דער נחום שוחט האָט אַזאַ פּרעטענציע צו דער היגער קהלה, דאַכט זיך האָט ר' נחום שוחט, ווער ווער, נאָר איהר מיט איער אשת חיל האָט צו דער קהלה נישט צוגעלייגט די באָבעס ירושה. אָבער שוין, זאָל מען וועגען זיי בעסער נישט רעדען. דער עיקר, וואָס איך וויל דאָ בעמערקען איז, אַז די צוויי פרויען, זאַנדער און שאַנצער, אויף וועלכע ס'איז געווען לכתחילה אַ וואונדער, וואָס זיי האָבען זיך געלאָזט אַריינציהען אין אַזאַ אַוואַנטורע. האָבען געטהון אַזנבעוואוסטזיניג און דער עיקר אָהן זייערע מענער'ס וויסען.

צוליב וועמענס „שולד" אָדער שילד...

ווי בעוואוסט האָט מען יענע וואָך נישט געשאָכטען אויף כשר, מחמת די קאָנצעסיעס, וואָס מען מוז האָבען צו שחט'ן אויף אַ „באַרבאַרישען" אופן, זענען נאָך נישט דערהאַלטען געוואָרען.

מען קאָן דאָך אָבער דאָך נישט נעמען 30 טויזענד נפשות און זיי נישט געבען די מעגליכקייט צו עסען אַ שטיקעל פלייש, האָט פּרעזעס ראָזענבערג אינטערווענירט ביים סטאַראָסטע, וועלכער האָט זיך פערשטענדיגט מיט דער וואָיעוואָדזטווע און ס'איז געבליבען, אַז ביז וואָס ווען זאָלען עד לחשבון דערווייל 5 יאַטקעס מעגען פערקויפען כשר פלייש.

ס'איז אפילו אַביסעל ווייניג פאַר אַזאַ שטעדטיל, ווי משענסטאָכאָוו, נאָר גאָרנישט — ווי זאָגט די גמרא: „תפסת מרובה לא תפסת" — היינטיגע צייטען טאָר מען נישט צו הויך קידוש מאַכען. אַלזאָ, מען איז בעשטאַנען אויף די 5 כשר'ע יאַטקעס, מילא, ס'געהט דאָך צו שבת און ווי בלייבט מען עפּעס אָהן אַ שטיקעל פלייש. ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז אויסער דער סטאַראָסטווע האָבען מיר נאָך אַ מאַגיסטראַט מיט אַ שטאָדט-פּרעזידענט. אמת, ער איז נאָר דאָ צייטווייליג, אָבער דאָ איז ער, זאָגט ער: לאָ! איך, מאַטאָל, לאָז נישט שחט'ן! פרעגט מען דאָך איהם, היתכן? האָט ער באַלד אַ תירוץ, אַז היות ווי אויף די כשר'ע יאַטקעס מוז הענגען די געהעריגע שולד, און אַזוי ווי די קצבים האָבען נאָך נישט אַזעלכע שילדען, טאָר מען נישט פערקויפען דאָס כשר'ע פלייש. און אַט צוליב דער „שולד" האָט מען אויף שבת נישט געשאָכטען אויף כשר.

ווען די יודישע ווייבער זענען געקומען קויפען פלייש אויף שבת, האָבען זיי די קצבים דערצעהלט אַ מעשה, אַז זיי, האָבען נאָך נישט קיין כשר פלייש צוליב דער שולד. זיי, די ווייבער האָבען אָבער בשום אופן נישט פערשטאַנען צוליב וועמעס שולד?...

מיר האָבען אָבער צוויי העלדישע יודישע יודישע פאָרשטעהער, מאַטאָל'ס האַרציגע פריינד, וועלכע וואָלטען יאָ געקאָנט אויפקלערען דעם ענין, אין וואָס פאַר אַ שולד דאָ האַנדעלט זיך און דער עיקר צוליב וועמענס „שולד" אָדער שילד...

לא אלמן ישראל

א גאַנצע וואָך האָט מען טאַקי נישט געשאָכטען, פונדעסטוועגען קאָן מען זאָגען מיט דער גאַנצער זיכערהייט, אַז ס'איז כמעט נישט געווען איין יודישע שטוב, וואו ס'זאָל האָבען אויסגעפעהלט אַ שטיקעל פלייש אויף שבת.

קיין קשיות דאַרף מען נישט פרעגען, אַ יוד גיט זיך אַן'עצה. טייל האָבען זיך אָנגעגרייט אין די פליישיגע טעג אַ בריסטעל, אַ לעקער און ענליכע אַזעלכע פליישיגע פליישען. אַנדערע

זען אויפ'ן צווייטען.

דער אראבער האט פּראָדוצירט דערנעהרונגס-מיטלען און דער יוד האט איהם געליפערט האנדווערק-מכשירים, קליידונג, הויז-כלים א. ד. גל. אזוי ווי יעמען (מימן) האט במשך פון יאהרהונדערטער נאך דער איינפיהרונג פון איסלאם און בעזונדערס נאָכ'ן ענטדעקען דעם ים וועג נאך אינדיע, אלץ מעהר און מעהר פערלוירען זיין בעדייטונג אלס טראנזיט-לאנד און האט געהאט, פונקט אזוי ווי היינט, כמעט אנ'אויטארקישע ווירטשאפט. האט זיך דאס לאנד נישט געקענט בעגעהן אָהן די יודישע בעלי מלאכות.

די צאהל האנדווערקער-צווייגען, אין וועלכע די תימנים זענען טעטיג, איז גרויס. מען קען אייגענטליך זאגען, אז עס איז נישטא אזא צווייג, מיט וועלכען די יודען בעשעפטיגען זיך נישט. ס'רוב זענען די יודען פערטרעטען אין קליידונג (וועבער, שניידער, שוסטער, (לעדער-ארבייטער) און אין דער אויספערטיגונג פון ארבייטס און הויז-כלים (שמידען, סטאלער, טעפּער).

א בעזונדערע בעדייטונג האט די קונסט פון זילבער-שמידעריי, מיר ווייסען פון דער געשיכטע, אז יודען זענען געווען טעטיג אלס זילבער-שמידען נאך פאר דער איינפיהרונג פון איסלאם. דער יודישער שטאם פון קאינוקא אין צפון-אראביע איז געווען בעריהמט אין דער פאר-איסלאמישער תקופה אלס שטאם פון זילבער-ארבייטער. עס איז אונטערעסאנט, אז די תימנישע לעגענדע וועגען די ערשטע יודישע איינוואנדערער, וועלכע זענען געקומען אין תימן פאר חורבן בית ראשון, שטעלט זיי פאר אלס גאלד-שמידען. מיט דער האנדווערקעריי האבען זיך די יודען בעשעפטיגט אין אראביע נאך איידער דער פערבאט פון איסלאם, אז גלויביגע זאלען זיך פערנעמען מיט גאלד און זילבער, האט זי געמאכט פאר א ריין יודישער מלאכה.

דער זילבערשמיד פערטיגט אויס פאר'ן אראבער די ציהרונג פאר כלי-זין, רייט-מכשירים, דאן די ציהרונג פאר פרויען, וועלכע די אראבער קויפען אין א גרויסער מאָס, ווייל די פרויען זאמלען אין ציהרונג זייער פערמעגען. בעזונדערס דארף דערמאנט ווערען צווישען די זילבער-ארבייטען די פראכט-הויבען פון יודישע פרויען, צווישען וועלכע עס געפונען זיך הערליכע אנטיקען. גראד זיי זאגען עדות וועגען דער הויכער מדרגה, אויף וועלכער די האנדווערקעריי איז געשטאנען ביי יודען. די תימנים זענען געווען אמת'ע קינסט האנדווערקער מיט אנ'אלטער טראדיציע, און האבען בעזונדערס קינסטלעריש געלייסטעט אין דער פילגראן-טעכניק.

אנ'ענליכע טראדיציע פון האנדווערק געפינען מיר ביי די שטיקערס (מענער און פרויען), וועלכע זענען גלייכצייטיג שניידערס. הויפטזעכליך ווערען געשטיקט די קליידער און הויזען פון אראבישע און יודישע פרויען, און יום טוב קליידער פון די מוסולמענער. אין דער שטיקעריי מיט גאלד- און זילבער-פעדים זענען די יודען מייסטערס.

מען קען אין אלגעמיין זאגען אז דער האנדווערק געהט ביי די יודען איבער בירושה פון פאטער צו זוהן. די האנדווערקעריי איז דעריבער פערבינדען מיט געוויסע משפחות, וועלכע גיבען אפט צו די בעצייכענונג פון זייער מלאכה צום פאמיליע-נאמען. מען אונטערשיידט בכבודיגע און געווענליכע מלאכות. בכבודיג איז צום ביישפיל די קונסט פון זילבערשמידעריי און וועבעריי, וועלכע עס טרייבען הויפטזעכליך געלערנטע. דאס ערקלערט זיך אויך דערמיט, וואס ביי די ריינע מלאכות קען מען אויך גלייכצייטיג לערנען, וואס איז למשל אינגאנצען אונמעגליך ביי שוסטעריי.

דער שווערער ווירטשאפטליכער קריזיס, אין וועלכען עס געפונט זיך היינט די לאנדווירטשאפט אין תימן, האט שטארק דערשיטערט די גאנצע אויטארקישע ווירטשאפט פון תימן און אויך פון זיינע יודען. איצט ווערט בולט די סכנה, וואס ליגט אין דער איינזייטיקייט פון דער יודישער ווירטשאפטליכער סטרוקטור. מיט דער ירידה פון דער קויף קראפט פון אראבער. איז געזונקען נישט בלויז דער אפזאץ, נאר אויך די קוואליטעט פון דער סחורה. אויפ'ן געביט פון זילבערשמידעריי איז נישטא קיין איינער, וואס זאל בעשטעלען א גוט שטיקעל ארבייט, און די ארבייטער פראדוצירען ציהרונג פון שלעכטען מאטעריאל און טאנדייט ארבייט. אויף געוויסע געביטען זענען די כלים פון היימישער פּראָדוקציע ארויסגעשטופט געוואָרען דורך ביליגערע אימפּאָרטירטע סחורות. חוץ דעם, צוליב דער וואקסענדער ענטאייגענונג און פעראָרימונג פון דער לאנדווירטשאפטליכער בעפעלקערונג, דרינגען אריין די אראבער אלץ מעהר און מעהר אין די שיכטען פון האנדווערקער און הענדלער. אזוי צ. ב. איז די שמידעריי, וועלכע איז נאך מיט הונדערט יאהר צוריק געלעגען אין יודישע הענד, היינט כמעט אינגאנצען אריבער אין אראבישע הענד.

טראָצדעם זענען די יודען אין דעם אָרים-בעפעלקערטען תימן אזא וויכטיגער עלעמענט, אז די רעגירונג האט ארויסגעגעבען א פערבאָט ארויסצוואנדערען. די יודען האבען די מעגליכקייט צו פערלאָזען דאס לאנד בלויז אויף א אונלעגאלען אופן, נישט האבענדיג דערביי די מעגליכקייט צו פערקויפען זייערע אומבעוועגליכע גיטער. עס איז איבעריגענס צו בעדויערען, וואס די גרויסע האנדווערקערישע פעהיגקייטען פון די תימנים, וואס זענען געקומען אין ארץ ישראל, ווערען ווייניג אויסגענוצט אויף א ריכטיגען אופן.

טשעקאַווע ידיעות

ווינטער אין די פריהערדיגע יאהרען

אויב מ'קען גלויבען די פערשידענע וועטער-נביאים, וועלען מיר הייניגעס יאהר ווידער האבען א שטרענגען ווינטער. זיי זאגען אפילו נישט אויף זיכער, אז „דער פראָסט וועט ברעכען די ביינער", אבער פון א „ווארימען ווינטער", וועט שוין גאר קיין שמועס נישט זיין.

ס'איז אינטערעסאנט, אז זייט מעהר ווי הונדערט יאהר האבען מיר קיין גאנץ ווארימען ווינטער כלל נישט געהאט. אין פריהערדיגע יאהרען זענען אין אונזערע מקומות די ווינטערס אפטמאל געווען אזוי ווארים, אז מיר האבען אפטמאל געהאט שוין אין די ערשטע חדשים פונ'ם יאהר נייעם שניט און אפטמאל פלעגט עס פארקומען, אז מ'האט אין יאהר צוויי מאל געשניטען די תבואה אויפ'ן פעלד, אין די אַרכיוען געפונען מיר, למשל, אין יאהר 1328 א ווינטער, וואס איז געווען אזוי ווארים אז אין יאנואר האבען שוין געבליהט די בוימער און אין אפריל זענען שוין געווען „פרישע וויינטרויבען". אין יאהר 1383, איז שוין געווען „אין אפריל ניי קארן און אין דעם יאהר איז געווען אזא זול, אז מ'האט אלעס כמעט געקענט בעקומען בחנם".

אויך אין יאהר 1384 האט מען שוין אין אפריל געשניטען די תבואה אין פעלד, אבער אנהויב מאי האט עס אנגעהויבען שטארק צו רעגענען און דאס וואסער האט אנגעמאכט א גרויסען חורבן".

אין יאהר 1397 האט מען אויך שוין „אין מאי געהאט נייע תבואה"...

פונ'ם יאהר 1414 ביז 1429 איז בכלל קיין-ווינטער נישט געווען. אנהויב מערץ האט מען יעדעס יאהר „שוין בעקומען קארשען אויפ'ן מארק".

דע-נאך הערען זיך אויף די פערצייכענישען ביז צום יאהר 1514. אויב מ'האט נישט מעהר איינגעשריבען אין ארכיוו דאס וועטער פונ'ם יאהר, אדער צי ס'איז ביז צו דעם יאהר געווען תמיד א נארמאלער ווינטער מיט קעלטען און פרעסט, לאזט זיך היינט נישט זאגען.

ערשט אין יאהר 1514 איז ווידער פערצייכענט גאר א ווארימער ווינטער: בלויז פונ'ם 14 ביז צום 25 מערץ איז געווען אביסעל קאלט. דערנאך זענען געקומען שטארקע היצען, וואס האבען געדויערט צוויי חדשים, פונ'ם 24 מאי ביז צום 24 אויגוסט זענען געווען אזעלכע שטארקע רעגענס, אז ווי האבען אין גאנצען א תל געמאכט פון דער תבואה און פונ'ם אויבס. „אין דעם יאהר איז אין אונזערע מקומות געווען ממש א הונגער און מ'האט געבראכט תבואה פון פראנקרייך'ס קאָלאָניעס".

אין יאהר 1515 האבען פרוכט-בוימער געבליהט צוויי מאל. אנהויב אפריל זענען שוין כמעט אלע פרוכטען געווען אויפ'ן מארק און סוף סעפטעמבער האט מען ווידער געקענט אראבנעמען פריש אויבסט פון די בוימער".

אין יאהר 1524 זענען ווידער געווען היצען אין ווינטער. אבער „דעמאלס האט מען געשמועסט דערפון, אז ס'קומט א נייער קאמעט, וואס וועט איבערקעהרען די גאנצע וועלט. אלע מענשען האבען געלעבט אין גרויס פחד, צום גליק איז אבער גאר נישט געשעהן".

פונ'ם יאהר 1529 ביז 1537 האבען „אין דעצעמבער געבליהט אלע בלומען אין די גערטנער און אויף די פעלדער". אין יאהר 1540 האט מען שוין „אנהויב אפריל געשניטען די תבואה. סוף אקטאבער האט מען געשניטען צום צווייטען מאל און אויפ'ן מארק האבען זיך בעוויזען נאך אמאל פרישע קארשען".

אין יאהר 1551 איז געווען אזא ווארימער ווינטער, „וועלכען מ'געדענקט שוין נישט זייט הונדערט יאהר. אין דעם יאהר איז אויך צוויי מאל געוואקסען די תבואה אויף די פעלדער".

דערנאך פערצייכענט דאס ארכיוו ערשט ווידער א ווארימען ווינטער אין יאהר 1631 „די טרויבען זענען אין מאי שוין צייטיג געווען". אבער דעמאלס האט געבושעוועט דער דרייסיג-יעהריגער קריג, וואס האט אלעס צושטערט...

דערנאך זענען נאך פערצייכענט די יאהרען 1721 ביז 1724 מיט ווינטער'ס, אין וועלכע „אין פעברואר איז שוין געווען אלעס אויפגעבליהט".

פונ'ם יאהר 1771 ביז 1783 איז ווינטער געווען אזוי ווארים, אז „אין מערץ האט אלעס געגרינט ווי אין יולי און אין אפריל איז שוין געווען נייע תבואה".

דער לעצטער ווארימער ווינטער, אין וועלכען „אלס האט געגרינט אפילו מאנדעל בוימער אין פרייען פעלד", איז פערצייכענט אין יאהר 1811.

זייט דעמאלס זענען אלע ווינטערן געווען מיט פרעסט און שניי. די שטרענגסטע ווינטערן זענען געווען אין יאהר 1879 און 1928, וועלכע האבען אנגעארבייט שטארקען שאדענס, בעזונדערס אין די אויבסביימער פון אונזערע געגענדען.

ז. האבער, וויען.

ווידער האבען זיך בעגניגענט מיט עופות, הלמאי ערב יום כפור, ווען מען מוז זיך בעגניגען מיט בלויז כפרות... און אז איהר ווילט, וועל איך אייך מגלה זיין א סוד, אז אפילו פריש רונדערן-פלייש האט מען אויך בעקומען. וואו, וואס, ווען? בין איך אייך נישט מחויב צו דערצעהלען. א פאקט איז, אז מען האט געהאט אויף שבת כשר פלייש. אפילו טשאלענטער האט מען געשטעלט אויף צופיקעניש אונזערע שונאים.

לא אלמן ישראל!

זיי האבען קיין צייט נישט?...

די יודישע סוחרים פיהלען אויף שריט און טריט, אז דער באָדען רוקט זיך אוועק פון זייערע פיס, האלט מען זיך טאקי אין איין בעקלאָגען אויף דעם אומגליק, וואס געהט אויף אונזער לעבען.

די אומגליקליכסטע זענען אבער די מארקשטעהער, וועלכע דארפען ציהען זייער חיונה פון די בוידען אויפ'ן זאוואדזיער מארק. דארט געהט מען אויס אין א לאנגזאמער גסיסה.

כ'וויל נישט זאגען קיין נביאות, נאר ליידער איז עס א פאקט, אז אין א קורצער צייט ארום, וועט דער זאוואדזיער מארק זיין יודען ריין. ס'וועט פשוט נישט זיין קיין יודישער מארקשטעהער, וועלכער זאל נאך קאנען דארט מסחר'ן.

די קריסטען ווייסען פון דעם גאנץ גוט, ווארטען זיי נישט ביז דער פלאץ וועט ריין ווערען, נאר זיי געהן שוין איצט ארום צווישען די יודישע בוידען און פרעגען, ווער עס וויל פערקויפען די בויד. אינגאנצען טויט זענען נאך נישט די יודישע מארק-שטעהער, די נישט-יודען קאנען אבער נישט ווארטען, זיי האבען קיין צייט נישט...

אנ'אויסנאהם פון אלע...

בעת ס'האט דא געווײלט דער אויבער קאנטאר פון דער ווארשאווער מלאמאצקער סינאגאגע ה' משה קופּצעוויצקי, האבען איהם די מפלאמאנען איינגעארדענט א באנקעט און, ווי געווענליך, אז ס'קומען זיך צונויף חזנים, שמועסט מען וועגען זינגער, וועגען מוזיק, געזאנג ארגל. רופט זיך אן איינער פון די אנוועזענדע אזוי צו זאגען: א מערקווירדיגע זאך איז דאס, וואס די פאמיליען נעמען פון אלע גרויסע זינגער, איבערהויפט טענארען, הויבען זיך אן מיט א „קיף": למשל, קארוזא, קיעפורא, קוסעוויצקי, קיפניס און אפילו אויך ביי אונז אין שטאדט האבען מיר א וואונדערבארען זינגער, אנ'ערשטקלאסיגען טענאר אויך מיט א „קוף"—קארפיעל...

נעמט באלד א צווייטער ס'ווארט און האלט דערביי א גאנצע רעדע, אויפווייזענדיג, אז אונזער קארפיעל האט גאר א באריטאן שטימע. האט זיך געמאכט א דיסקוסיע, וואס האט זיך אוועקגעצויגען א פאר שעה און אלץ צוליעב דעם, וואס די פערזאמעלטע זינגער האבען זיך נישט געקאנט איינינגען וועגען ה' קארפיעל'ס שטימע. ס'זענען געווען אפילו אזעלכע, וועלכע האבען אויפגעוויזען מיט ראיות ברורות, אז ה' קארפיעל האט א באריטאן-טענאר, ד. ה. אויב ער וויל זינגט ער אויפ'ן באריטאן און אז ס'גליסט איהם, צולאזט ער זיך אויפ'ן טענאר. א פאקט איז אבער און דאס וואס מיך פרעהט זעהר, אז דער גאנצער עולם האט אנערקענט, אז צווישען די גרויסע וועלט-זינגער, וועלכע הויבען זיך אן מיט א „קוף" קען אויך אריינגערעכענט ווערען אונזער בן עיר (צווישען אונז זאל עס בלייבען-מיין משפחה...) ה' אייזיק קארפיעל...

דער אונטערשיד איז נאר, וואס אלע „קופן" זענען נאר בלויז טענארען און אונזער קוף האט אויסער א טענאר אויך א באריטאן. דעריבער זאגען מיר, אז כאטש ער איז אויך פון די גרויסע, איז ער פארט אנ'אויסנאהם פון אלע...

יודען און—טעאטער

איהר וועט זיך וואונדערען, וואס איך בעריהר עפעס אזא טעמא, אינדערצייט ווען אויפ'ן טאג-ארדנונג שטעהען פראגען, וואס דארפען אנריהרען ביומו של עולם. ענטפער איך: אט טאקי דערפאר, ווייל אונזער לעבען איז איצט אזוי דערדריקט, אז ס'דאכט זיך אויס, דאס מיר האבען נישט קיין פערשטענדניס פאר קיין שום אנדערע פּראָבלעמען, דעריבער האב איך, אט פון דער הנחה ארויסגייענדיג, געוואלט זעהען, ווי אזוי אין אזא שווערער צייט יודען בעציהען זיך צום טעאטער-וועזען, צו איינער פון די קולטורעלסטע אינסטיטוציעס פון אונזער צייט.

זיבען פארשטעלונגען האט דא געגעבען די טרופע פון לוסיע גערמאן, און מוז מען זאגען, אז אויב אויף יעדער פארשטעלונג זענען דאך געקומען עטליכע הונדערט בעזוכער, איז א סימן, דאס די יודישע פאלקס מאסען לאזען זיך נישט, אפילו אין די טרויעריגסטע פאר זיי צייטען, אריינשטיפען אין יאוש און פערצווייפלונג. דאס איז אבער נאך נישט אלץ, איך האב געוואלט אויך זעהן, ווי אזוי עס זעהט אויס דאס פוילישע טעאטער, כ'מיין, צו אונזערע יודען בענוצען דעם קאמעראל טעאטער. אין א געוויסען אווענד, בעת ס'איז פארגעקומען א פארשטעלונג אין יודישען טעאטער, בין איך אוועק אין פוילישען טעאטער און אויך דארט האב איך געטראפען אנ'ערך 80 פראצענט יודישע בעזוכער.

דער אונטערשיד איז נאר, וואס בעת די פארשטעלונגען פון די פוילישע ארטיסטען ווערען אויפגעפיהרט אויף א גרויסער ביהנע מיט הערליכע דעקאראציעס, קומען די יודישע פארשטעלונגען פאר אין פייערלעשער-זאל, וואו ס'איז ענג און ארעם אין דעקאראציעס אדגל. אינדערצייט וועלן אין קאמעראל-טעאטער איז שטיל, רוהיג, דרך-ארץ'דיג, איז ביי אונז א גערודער און א סומאטאכע ס'איז קיין וואונדער אויך נישט: אין קאמעראל-טעאטער האבען די ארטיסטען אונטער די קוליסען גארדעראבעס, און אז זיי ווילען זיך אפילו קריגען, טהוען זיי עס דארט, ווייט פון די טעאטער בעזוכער'ס, און אויב אונזערע יודישע ארטיסטען ווילען זיך קריגען— און אין דער הינזיכט קאן מען זיך פערלאזען אויף אונזער „סטאר" מישא גע־מאן, וועלכער האט צום קריגען זיך א גוטע שטימע — (הלואי וואלט ער געהאט די שטימע אויף דער ביהנע, וואלט ער געווען א גוטער ארטיסט...) הערט מען יעדעס ווארט צווישען פובליקום...

און אויב ביי דעם אלעם קומען פונדעסטוועגען יודען אין יודישען טעאטער, מוז דאס פערצייכענט ווערען צום לויב און שבח פון אונזערע יודען. מיר, יודען, האבען א סך חסרונות, אבער דאך זענען מיר א קולטורעל פאלק, אויב מיר קאנען אין דער איצטיגער שווערער צייט, אנשטאט צו געהן אין א שענק אריין און פערטרינקען אונזערע צרות (וועלכעס פאלק וואלט דאס נישט געטהון?!) געהן בעסער אין טעאטער אריין — סיי אין רייכען פוילישען טעאטער, סיי אין אונזער ארים יודיש טעאטער.

אט צוליעב דעם אלעם האב איך מיר דערלויבט אנצושרייבען דאס קאפיטל: יודען און טעאטער.

דאס איז פאר מיר—און פאר די ארימע לייט וואס?...

איהר קאנט דאך די מעשה, ווי אזוי א גביר, א חזיר, האט א געוויסען רב, וועלכער האט צוזאמענגענומען נדבות פאר ארימע, אנשטאט צו געבען איהם א נדבה, מכבד געווען מיט א פאטש. האט דער רב זיך אנגערופען צום גביר: נו, גוט, דער פאטש איז טאקי פאר מיר, וואס וועט איהר אבער געבען פאר די ארימע לייט?...

אזא ענליכע געשיכטע האט די וואך פאסירט ביי אונז אין שטאדט, ווי בעוואוסט, פיהרט די „תומכי עניים" א מסירת-נפש'דיגע ארבייט, כדי אויף וויפיעל ס'איז צו דערהאלטען עטליכע הונדערט נפשות, וועמעס צאהל פערמעהרט זיך פון טאג צו טאג. לויפען די זאמלער שבת בשבת ארום איבער די הויפען און שרייען: גוואלד יודען, שענקט פאר די הונגעריגע ברויט! און צו אונזער גרויסער חרפה מוז מען זאגען, אז ס'זענען פערהאנען א סך גבירים, וועלכע ווייסען נישט דעם טעם פון הונגער און ווילען נישט געבען אפ דאס שטיקעל חלה, כדי צו שטילען דעם הונגער פון הונדערטער יודען. אזא גבירטע איז אויך די אלמנה ב. פון דער ערשטער אלעע — זי וויל נישט געבען קיין שטיקעל ברויט

מילא, צווינגען אזא איינע קאן מען נישט. מאכט זיך א מעשה, אז איינעם פון די „תומכי-עניים"-יודעלעך פאלט איין א געדאנק און ער גיט א פרעג דער דאזיגער נגידות'טע: מאדאם לעבען, זאגט מיר, פארוואס גיט איהר נישט קיין שטיקעל חלה אדער ברויט פאר די ארימע? ווי אזוי קאנט איהר זיך אוועקזעצען צו אייער רייכען טיש ביי די פעטע מאכלים און גיט נישט קיין טראכט, אז הונדערטער יודישע פאמיליעס געהען אויס פון הונגער? האט די מאדאם פערדראסען אויף דער דאזיגער חוצפה און זי האט געוואלט... אבער דאס וואס זי האט געוואלט, האט מקיים געווען איהר'ס א זוהן. וואס ער האט געטהון, איז נישט וויכטיג, ער האט דעם יוד נאר א שטויס געגעבען און ארויסגעווארפען פון דער שטוב.

דער „תומכי-עניים"-יוד האט נאר פערגעסען צו פרעגען דער דאזיגער מאדאם מיט איהר „אויסגעקלערטען" זוהן די פראגע פון יענעם רב: נו גוט, דער קלאפ איז פאר מיר, וואס גיט איהר אבער פאר די ארימע?...

לויתן.

פייערליכע התחלת-למודים אין בית-המדרש „אהל - נחום".

זונטאג 4 א זייגער נאכמיטאג איז אין נייעם בית-המדרש „אהל נחום" פארגעקומען א פייערליכע התחלת-למודים.

צו דער פייערונג זענען געקומען דער ראבינאט, פרעזעס ראזענבערג, דאזאר מענדיל פויגעל (די איבריגע דאזארעס האבען, ווייזט אויס, פערגעסען צו קומען...) ווי אויך א גרויסער עולם.

דער שטאדט-חזן ה' כאלעווא עפענט די פייערונג מיט „מה טובו", דאן האלט דער מורה הוראה ר' יוסף פראקאש א דרוש, אין וועלכען ער ערקלערט די וויכטיגקייט פון דער היינטיגער פייערונג, וואס איז פערבונדען מיט דער התחלת הלמודים פון די בחורי לומדי תורה. ער דערמאנט אויך דעם רב ז"ל, וועמענס ציעל און שטרעבען איז געווען דאס בית-המדרש צוריקצוברענגען צו דער שטופע, אז דער קול התורה זאל דארט ווידער דערהערט ווערען. מו"צ פראקאש דאנקט אויך דעם קאמיטעט פון בית-המדרש-בוי מיט די ברידער העניק און שלמה שפאלטען אין דער שפיץ, וועלכע האבען אוועקגעלעגט אזויפיעל מיה און ארבייט דעם דאזיגען בנין אויפצושטעלען, דאן דעם ה' ישעיה מיענטקעוויטש פאר זיין נדבה פון א פרעכטיג ארון קודש, ווי אויך אלע נדבנים, וואס האבען צו דעם צוועק געשענקט ציגעל, האלץ, דעם דאך און אלע אנדערע מאטעריאלען. צום סוף האט ער ארויסגעזאגט זיין האפנונג, אז די בחורים וועלען דארט לערנען מיט א התמדה, ווי עס איז געווען אין די פריהערדיגע יאהרען.

נאכדעם מאכט דער חזן א הזכרה דעם רב ז"ל, ווי אויך אלע, וואס זייערע נעמען זענען אויפגעשריבען אויף דער גאלעריע פון בית המדרש, וועמענס קרובים האבען צו זייער אנדענקען געגעבען נדבות פאר'ן בית-המדרש.

דאן האלט ר' משה האלטער א גרויסען דרוש, אין וועלכען ער פראיעקטירט, אז עס זאל זיך שאפען א ועד פון לומדי תורה, וואס זאל אכטונג געבען אויף די למודים און בית-המדרש, כדי עס זאל געלערנט ווערען מיט א סדר און אז יעדען טאג זאל איינער פון די היגע לומדי-תורה זאגען א שיעור פאר די בחורים; ר' משה האלטער זאגט, אז דאס איז געווען דער רצון פון הרב ז"ל, דער איניציאטאר פון נייעם בית-המדרש, אויף וועמענס נאמען דער דאזיגער בנין איז אנגערופען געווארען.

דער חזן זינגט: אלו דברים שאין להם שעור און ר' יהושע מרגליס האלט פאר די בחורים א דרוש מעניני דיומא, פערפלאכטען מיט מאמרי חז"ל פון ש"ס און מדרשים. באלד דערנאך פערנעמען די בחורים די טישען און דער שיעור הויבט זיך אן.

די פייערליכקייט בכלל און דאס אנהויבען די למודים אין בית המדרש בפרט, נאכדעם ווי זיי זענען א צעהנדליג יאהר דארט געהאט אבגעשטעלט געווארען, האט ארויסגערופען א גרויסע שמחה ביי די פערזאמעלטע.

א פרעסע-פראצעס פאר בעליידיגען דעם געוו. סטאראסטא ראגאווסקי.

אויף דער בעשולדיגונגס-באנק פון קרייז-געריכט זענען דינסטאג געזעסען: קאזשימיעזש וואזשניאק, געוו. מיטגליד פון פאוויאטאווע ראט און פארזיצענדער פון גמינע-ראט פון ב.ב.וו.ר. אין פאפאוו און יוזעף וואלניצקי — דער פעראנטווארטליכער רעדאקטאר פון „גלאווא טשענסטאכאווסקע", וועלכע ערשיינט שוין איצט נישט.

די דערמאנטע זענען אנגעקלאגט געווארען פאר בעליידיגען אין דער צייטונג דעם דאמאלסדיגען טשענסטאכאווער סטאראסטע באזילי ראגאווסקי, איצטיגער סטאראסטע אין ראוונע.

אין „סלאווא טשענסטאכאווסקיע" האט דעם 24 אפריל 1935 י. זיך בעוויזען אנ'ערקלערונג פון וואזשניאק'ן, אז צוליב די שיקאנעס מצד דעם סטאראסטע ראגאווסקי, ציהט ער זיך צוריק פון ערפולען זיינע פונקציעס אלס מיטגליד פון פאוויאטאווע ראט.

די פראקוראטור האט לויט'ן ארט. 255 פון שטראף קאדעקס פאר. 1 צוגעצויגען צו געריכטליכער פעראנטווארטליכקייט דעם אויטאר פון דער נאטיץ, ווי אויך דעם פעראנטווארטליכען רעדאקטאר פון דער צייטונג.

בעת דער געריכטס פערהאנדלונג האט אבגעגעבען ערקלערונגען דער סטאראסטע ראגאווסקי, וועלכער האט פארגעשטעלט דעם אנגעקלאגטען וואזשניאק אלס פערטיל-אינטעליגענט, וועמען ער האט נישט געוואלט האבען זיצען אין פאוויאטאווע ראט. ווען דער עדות האט זיך צוקריגט מיט וואזשניאק'ן, איז ער געווען זאגאר צופרידען פון שונא אין דער רעוויזיאנס-קאמיסיע, וואו וואזשניאק איז געוועזען א מיטגליד, ווייל דער מינדעסטער בעגאנגענער דורך איהם פעהלער וואלט נישט אדורך אונבעמערקבאר פאר וואזשניאק'ן. ליידער האט דער עדות געהאט א טעות, ווייל וואזשניאק האט זיך שלעכט אריענטירט אין די דאזיגע ענינים און איהם זענען געוועזען נויטיג מענשען, וועלכע וואלטען נישט גענומען בחנם קיין דיעטעס. דעם עדות איז געגאנגען דערין, אז די פאוויאטאווע קאמיסיע זאל ווי געהעריג ערפולען די פונקציעס בעת'ן קאנטראלירען דעם בוי פון סטאראסטווא בנין א. א.

דער ערשטער סכסוך מיט וואזשניאק'ן, וועלכער האט קיינמאל נישט ארויסגעזאגט זיין מיינונג בעת די בעראטונגען, נור בלויז געזעצען — איז אויסגעבראכען נאך דער רעדע פון עדות, נאכ'ן דערהאלטען די ידיעה וועגען פונאנדערלאזען די ב.ב.וו.ר. דאמאלס, אויף דער פערזאמלונג פון דער דאזיגער ארגאניזאציע האט דער עדות זיך אויסגעדריקט צו די פערזאמעלטע, אז אין דער ארגאניזאציע זענען געווען בלויז גנבים און בעת'ן שאפען די דערמאנטע ארגאניזאציע מוזען די גנבים אבטרעטען. נאך דער דאזיגער רעדע, וועלכע איז געהאלטען געווארען מיט די בעסטע כוונות, איז פון צווישען אלע אויפגעשטאנען בלויז וואזשניאק און ערקלערט, אז ער פיהלט זיך בעליידיגט פונ'ם פערגלייך מיט גנבים, דער עדות האט איהם זאגאר אויפגעקלערט, אז ער האט גערעדט אין אלגעמיין און אז אין דער בעסטער ארגאניזאציע געפונט זיך א גנב, אבער אלץ האט נישט געהאט קיין שום ווירקונג.

וואזשניאק האט זיך דאמאלס געוואנדען צום סיים-דעפוטאט קאבילעצקי, וועלכער האט דעם ענין בעריהרט אין סיים און דאן — אין מיניסטעריום.

צוליב דער פאדערונג פון אדוואקאט וועגען ארויסרופען נאך עטליכע עדות, האט דאס געריכט בעשלאסען דעם פראצעס אבצולעגען ביז'ן 19 ד. ח.

געגאנגען נאך מוזיקאנטען און בערויבט יודישע סוחרים.

דאס קרייז-געריכט האט בעטראכט דעם פראצעס פון די איינוואוינער פון דארף יוליאנקא: סטאניסלאוו בעדנארטשיק און וולאדיסלאוו סקווארא, וועלכע זענען אנגעקלאגט געווארען פאר אויספיהרען א רויב-אנפאל.

דעם 9 ליסטאפאד פ. י. אין אווענד האבען זיך צוריקגעקעהרט פון טארג אין טשענסטאכאוו די יודישע איינוואוינער פון דארף ליפיע: ראטבארד, מענדעלעוויטש און פרוי האנדווערגער. ווען דער וואגען, אויף וועלכע די אויבען-אויסגערעכנטע יודישע סוחרים זענען געפאהרען, האט זיך געפונען נעבען דעם דארף פאפאוו און צוגעפאהרען צום וואלד, זענען פון א בעהעלטעניש ארויס צוויי פערשוין, פון וועלכע איינער איז געוועזען בעוואפענט מיט א רעוואלווער און אויסגערופען: שטעהט, דא איז געהיים-פאליציי.

די פוהר איז געווארען פערהאלטען און נאכ'ן אראבזעצען די סוחרים, איז אדורכגעפיהרט געווארען א רעוויזיע, כלומרשט זוכענדיג פאלשע מטבעות.

דער פערשוין מיט'ן רעוואלווער האט בעלויכטען מיט א לעמפעל יעדען סוחר און אדורכגעפיהרט א פערזענליכע רעוויזיע, צו וואס ס'האט איהם צוגעהאלפען דער צווייטער.

די אנפאלער האבען ביי מענדעלעוויטש'ן צוגענומען 18 זלאטעס, ביי ראטבארד'ן 35 גר. און ביי פרוי האנדווערגער א לעדערנע טעקע מיט פערשידענע קליינינקייטען.

די בעפאלענע האבען דערנאך מודיע געווען דער פאליציי, וועלכע האט זיך פעראינטערעסירט מיט די „געהיים-אגענטען" און זיי טאקע אויפגעזוכט.

די אנפאלער האבען זיך ארויסגעוויזען אלס סטאניסלאוו בעדנארטשיק און וולאדיסלאוו סקווארא.

דאס קרייז-געריכט אונטער'ן פארזיץ פון ריכטער הערצימאוויטש האט ארויסגעטראגען דעם אורטייל, לויט וועלכען בעדנארטשיק איז פער'משפט געווארען אויף 4 יאהר תפיסה און סקווארא — אויף 3 יאהר.

אלגעמיינע פערזאמלונג פון האנדווערקער-פערבאנד

מארגען שבת 6 אווענד קומט פאר אין אייגענעם לאקאל אלעע 12 די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון די מיטגלידער מיט'ן געהעריגען טאג-ארדנונג.

עפנונג פון יודאאיסטישען אינ-סטיטוט

זונטאג ה' שבט קומט פאר די פייערליכע ערעפנונג פון יודאאיסטישען אינסטיטוט אין טשענסטאכאוו. צו דער דאזיגער פייערליכקייט קומט ספעציעל געפאהרען: סענ. פראפ. שאר אויס ווארשא און דר. ברודע פון לאדז, וועלכע וועלען ביי דער געלעגענהייט ארויסטרעטען מיט רעפעראטען.

דער ערשטער טייל פון דער ערעפנונג וועט פארקומען אין דער נייער סינאגאגע האלב צוועלף א זייגער, ביי דער בעטייליגונג פון די חשוב'ע געסט. דער דאזיגער טייל וועט טראגען אנ'אלגעמיינעם כאראקטער, וועט זיין צוטריטליך פאר אלעמען און בערייכערט מיט געזאנג-נומערען.

א האלבע שעה שפעטער קומט פאר אין אנ'ענגערען קרייז פון איינגעלאדענע געסט דער צווייטער טייל אין די לאקאלען פון אינסטיטוט ביי דער סינאגאגע. סענ. פראפ. שאר וועט דארט רעפערירען אויף דער זעהר ברייטער טעמע: „דאס וועזען פון יודאאיזם"; די ציעלען פון אינסטיטוט וועט בעלויכטען דר. ברודע און דער ארגאניזיר-קאמיטעט וועט בעריכטען וועגען די ביזיעצטיגע ארבייטען ארום דעם אינסטיטוט.

דער אינסטיטוט הויבט אן זיין ארבייט מיט'ן עפנען א ביבליאטעק און א לעזע-זאל. אין דער ביבליאטעק וועלען זיך געפינען אלע ביכער, צייטשריפטען און אבהאנדלונגען אין אלע שפראכען, וועלכע זענען נוגע יודען און דאס יודענטום.

די דאזיגע ביכער וועלען זיין גלייכצייטיג צו בעקומען אינ'ם לעזע-זאל, וואו עס וועלען זיך אויך געפונען אלע לויפענדע יודישע צייטשריפטען.

דער אינסטיטוט האט שוין בעוויזען צו פעראינטערעסירען די היגע יודישע אינטעליגענץ און וועט האפענטליך אויך געווינען די אונטערשטיצונג פונ'ם יודישען פאלקס-מענש.

שטאדטישער צוגאב - בודזשעט.

מיטוואך אין אווענד איז אין מאגיסטראט פארגעקומען א זיצונג פון דער פינאנציעלער בודזשעט-קאמיסיע, וועלכע האט זיך פערנומען מיט'ן בעטראכטען דעם צוגאב - בודזשעט אויפ'ן יאהר 1936–37 פאר'ן ארייננטראגען אויף א זיצונג פון שטאדט-ראט.

דער צוגאב-בודזשעט נעמט ארום אויסערגעוועהנליכע אויסגאבען אויף דער סומע פון 192,720 זל., וועלכע וועלען פערוועגדעט ווערען אויף אינוועסטיציעס.

דער הויפט-בודזשעט פון די געוועהנליכע און אויסערגעוועהנליכע אויסגאבען איז געשלאסען מיט דער סומע פון 4,507,165 זל. און וועט איצט נאכ'ן אננעמען דעם צוגאב-בודזשעט ארומנעמען די סומע פון 4,699,885 זל.

פון קרייז-געריכט.

קיין טשענסטאכאוו זענען צהערנעכ- טען געקומען דער פרעזעס פון קרייז-געריכט אין פיעטרקאוו דר. העניק אנגעוויטש און דער פראקוראר פון קרייז-געריכט ראוזע, כדי אדורכצופיהרען א וויזיטאציע פון די ארטיגע געריכטען און פראקוראטור.

פון קאמעראל-טעאטער.

היינט, פרייטאג, דעם 15-טען יאנואר האלב 9 אווענד קומט פאר די לאנג-ערוואַרטעטע פרעמיערע פון מאריאן העמאר'ס 3-אקטיגע קאמעדיע „פירמא" אונטער דער רעזשי פון בעקאנטען ארטיסט און רעזשיסער פון די טעאטערן: „נאראדאווי" און „פאלסקי" — יאן באנעצקי.

אין די בעזונדערע ראלען: באנעצקי, האננא וואנסקא, טאנסקא, נאלטשעווסקי, אורבאנסקי א. א.

די דאזיגע פרעמיערע האט ארויסגערופען א גרויסע פעראינטערעסירונג.

א צוקליסט, א קרבן פון אייגענער אונפארזיכטיגקייט

שבת פריה איז אויפ'ן שאסע אונטער דאמבראווא געפאהרען אויף א ראווער דער 32-יעהריגער וולאדיסלאוו יאראטשינסקי פון קאפידלאוו.

אונטער איהם איז אנגעפאהרען א לאסט-אויטא פון דער פירמע „בעקאן" פון קעמפנא, אנגעפיהרט דורכ'ן שאפער סטאניסלאוו מאסקא, וועלכער האט געגעבען סיגנאלען, אז ער וויל איהם אויסמיידען. אנשטאט צו האלטען זיך וויטער אויף רעכט'ס, האט דער צוקליסט, ווען דער לאסט-אויטא איז שוין געווען גאנץ נאהנט, פלוצלינג גענומען אריבערפאהרען אויף דער לינקער זייט.

דער שאפער זעהענדיג דאס געפאהר, האט געגעבען א קערעווע אויף רעכטס, ער האט אבער נישט געקענט אויסמיידען דעם צוזאמענשטויס.

פון האסטיגען אויסמיידען, איז דער אויטאבוס אריין מיט די פאדערשטע רעדער אין ראוו אריין, מיטשלעפענדיג מיט זיך דעם אומגליקליכען צוקליסט, וועלכער האט געפונען דעם טויט אויפ'ן ארט.

צוגערויבט געלד און געבעקס

צווישען דארף וויעלגיע—מאסלאוויצע 8 ק"מ אונטער וויעלון זענען אויף דעם 16-יעהריגען באלעסלאוו ווילק, וועלכער האט געפיהרט געבעקס פון דער היגער בעקעריי פון זיגמונד קרענזשעל בעפאלען געווארען דורך אונבעקאנטע פערשוינען, וועלכע האבען ביי איהם צוגערויבט 31 זלאטעס געלד און 9 ק"ג זעמעל און ברויט און נעלם געווארען.

צוגערויבט א וואליזקע מיט זאכען

די פערג. וואך איז א געוויסע מאריאננא טרעמבאט אונטער'ן דארף טרעמבאטשעוו בעפאלען געווארען דורך 2 פערזאן, וועלכע האבען ביי איהר צוגערויבט א וואליזקע מיט זאכען.

אנטלויפענדיג האבען די פערשוינען אוועקגעווארפען א טייל זאכען. די פאליציי איז שוין אויף די שפורען פון די פערברעכער.

פון ווילנע

א צייטונג וואס פרעגט צי איז דאס דערלויבאר...

די היגע גימנאזיאלע שילער האבען שוין צום צווייטען מאל דעמאנסטרירט זייער פאשיסטישע פערברעכנטקייט, שי-קענדיג שוין צום צווייטען מאל (דאס צווייטע מאל צו דעם „באזשע נארא-דזעניע") א הולדיגונגס-טעלעגראם צום גענעראל פראנקא מיט פאלגענדען אינ-האלט:

„איהר העלדען פון שפאניען, לייבען פון אלקאזאר! (פעסטונג), זייענדיג טיעף איבערגענומען מיט אייער גורל און מיט דעם גורל פון אייער פאלק, מיר די שילער פון פריוואטען גימנאזיום א. נ. „טאדעאוש קאשציושקי" אין ווילנע, שיקען מיר אייך איבער א ברודערליכען גרוס צוזאמען מיט די ברכות פון א שנעלען נצחון איבער אונזערע בשותפות'דיגע פיינד, דעם רויטען קאמוניזם. זאל לעבען דאס גרויסע קאטוילישע, נאציאנאלע שפאניען, זאל לעבען דער גענעראל פראנקא, זאל לעבען דער מוסטער פון פאטריאטיזם גענעראל מאסקארדא, זאלען לעבען די לייבען פון אלקאזאר. די העלדישע געפאלענע אויפ'ן רוהם פון שלאכט-פעלד — כבוד".

אין צוזאמענהאנג מיט דער דאזיגער טעלעגראם פון די ווילנער שילער, שרייבט די צייטונג „דזיענניק פאפולארני" פון 12 ד. ח. א. ק. „צו דער אויפמערקזאמקייט פון דער שול-מאכט" פאלגענדעס:

„מיר צווייפלען זעהר צי די וואונשען פון די ווילנער תלמידים וועלען דעם גענעראל פראנקא אין זיין קאמף מיט'ן שפאנישען פאלקס פראנט עפיס העלפען. מיר וואלטען אבער זיך געוואלט דער-וויסען, ווי אזוי וועט רעאגירען אויף די דאזיגע דעפעשע דאס שול-קוראַ-טאריום, דען ווי ס'איז אונז בעוואוסט, שטעהט דאס מיניסטעריום פון רעליגיע און בילדונג אויף דעם שטאנדפונקט, אז די שול-יוגענד דארף זיין אפאלי-טיש.

מיר וואלטען זיך אויף א מאמענט געוואלט מאכען די פארשטעלונג ווי עס וואלט אויסגעזעהען ווען שילער וואלטען שיקען אנ'עהנליכען טעלעגראם צו דער רעכטליכער שפאנישער רעגי-רונג. די אלע „נאראדאווע" צייטונגען וואלטען זיך צושריגען מיט א הייזעריג קול: „ארויסווארפען זיי פון די שולען!" „נידער מיט די „זשידא-קאמונא", וואס פערגיפטען די יוגענד א. ד. גל."

ווען אבער, פערענדיגט די צייטונג „דזיענניק פאפולארני", ווען א מערדער פון פרויען און קינדער פון שפאניען, פראנקא, בעקומט אזא טעלעגראם איז שוין אלעס אין ארדנונג...

די כשר'ע שחיטה אין טשענסטאכאוו

מאנטאג איז מען אין היגען שחט-הויז צוגעטרעטען צום ערשטען מאָל צו שעכטען אויף כשר, זייט ס'איז אריין אין קראַפט דאס נייע שחיטה געזעץ. געשאָכטען האט מען 18 בהמות, פון וועלכע דאס פלייש איז געסטעמפּעלט געוואָרען און דאס זעהר געדיכט מיט א ספּעציעלען זיגעל, וואס ענטהאַלט די אויפשריפט אין פויליש: „ריטועלע שחיטה". בעת דער שחיטה זענען די בהמות געלעגען אויף לעדערנע מאַטראַצען.

דאס דאָזיגע פלייש איז פערטיילט געוואָרען צום פערקויף אין 5 יאַטקעס, וועלכע האבען בעקומען צייטווייליגע ערלויבענישען.

דינסטאג האט מען אין היגען שחט-הויז געשאָכטען אויף כשר בלויז 12 קעלבלעך. קיין בהמות אויף כשר זענען דינסטאג אינגאַנצען נישט געשאָכטען געוואָרען. די סיבה דערפון איז, וואס א גרויסע טייל פון פלייש פון דער מאנטאג'דיגער שחיטה איז נישט געהאט פערקויפט געוואָרען. אויב די יודישע בעפעלקערונג זאָל זיך אַזוי ווייטער אָבהאלטען פון קויפען לעגאַל געשאָכטען פלייש, קאן דאס ברענגען דערצו, אַז די אויפזיכטס-מאַכט זאָל אנערקענען דאס דער בעשטימטער פאר טשענסטאָכאוו קאָנטיגענט כשר פלייש איז א צו גרויסער און דעריבער קאן אויף להבא דער קאָנטיגענט פערקלענערט ווערען.

די יודישע בעפעלקערונג דאַרף דאס גוט נעמען אין אַכט און קויפען פלייש נאָר אין די אָפיציעלע כשר'ע יאַטקעס.

מיטוואָך זענען דורך דער סטאַראָסטווא אַרויסגעגעבען געוואָרען די ווייטערדיגע 5 צייטווייליגע ערלויבענישען אויף כשר פלייש, אַזוי אַז דער פערקויף פון כשר פלייש קומט שוין פאָר אין 10 יאַטקעס:

1) יענקיל וויינטרויב (אַלעע 20), 2) אברהם שטשערבאַלאַ (ב. יאָסעלעוויטשא 2), 3) איצעק דימאנט (מיראָווסקא 3 №), 4) משה פייערשטיין (טארגאָווא 1) 5) שלמה יאקיבאָוויטש (אַלטער מארק 14), 6) יצחק ווייכמאן (אלטער מאַרק 14), 7) הירש לייב גאָבעל (אלעע 4), 8) משה שטשערבאַלאַ (נאַרוטאָוויטשא 41), 9) לייזער בוים, (סענאַטאָרסקא 2) און 10) קלמן גאַבעל (נאַרוטאָוויטשאַ 6).

מיטוואָך זענען געקוילעט געוואָרען 24 בהמות.

אלע היגע קצבים האבען געשאָפען צווישען זיך א מין שותפות, אַזוי אַז אלע זענען בעטייליגט אין האנדעל פון כשר פלייש.

לוסטראַציעס וואס ווערען איצט אַדורכגעפיהרט אין געשעפטען, וואַרשטאַטען און פאַבריקען

אין דער היינטיגער וואָך זענען שוין כמעט אין אלע שטעדט און שטעדטלעך פאָרגעקומען לוסטראַציעס אין די געוועלבער.

די לוסטראַציע איז א דאָפּעלטע: מען קאָנטראָלירט צי מען האט דעם ריכטיגען פּאַטענט און גלייכצייטיג ווערט אויפגעזאַמעלט מאַטעריאַלען פאַר דער שאַצונג פון אומזאַץ און הכנסה-שטייערען. די לוסטראַציע קאָן פאָרקומען אין משך פון גאַנצען יאָהר.

אין די אינסטרוקציעס פון פינאַנץ-מיניסטעריום וועגען דער לוסטראַציע אין די געוועלבער ווערט געזאָגט פאָלגענדעס:

דער שטייער-נאַטשעלניק איז מחויב יעדעס יאהר אליין צו קאָנטראָלירען מינדעסטענס צעהן פּראָצענט געוועלבער פון זיין ראַיאָן און מינדעסטענס מוז ער בעזוכען 15 פּראָצענט פון די געשעפטען וואָס זענען קאָנטראָלירט געוואָרען דורך די שטייער בעאַמטע.

אין די שטייער אינסטרוקציעס פון פינאַנץ-מיניסטעריום ווערט געזאָגט:

די שטייער-אַמטען און קאָנטראָלערען דאַרפען ספּעציעל אַכטונג געבען אויף די האָטעלען און איינפאָהר-הייזער, וואו עס האַלטען זיך אויף וואָיאַזשאָרען, צוגערייזטע סוחרים און הענדלער, ווי אויך דאַרף מען לעגען אויפמערקזאַמקייט אויף די ירידים און מערק אין די טעג, ווען עס קומען פאָר ירידים.

וועגען אלע וואָיאַזשאָרען און רייזענדע, וואס מען טרעפט אין די האָטעלען און איינפאָהר-הייזער מוז מען צונויפשטעלען פּראָטאָקאָלען און אויפנעהמען די נעמען און אַדרעסען פון די פירמעס, פאר וועלכע זיי פאָהרען. די דאָזיגע פּראָטאָקאָלען דאַרף מען אָבשיקען צו די שטייער-אַמטען אין די ערטער, וואו עס געפונען זיך די פירמעס, וואס האבען אַרויסגעשיקט די וואָיאַזשאָרען.

מען דאַרף זיך בעמיהען צו מאכען די לוסטראַציעס אין די געוועלבער אין די טעג און אין די שעה'ן, אין וועלכער דער האַנדעל איז צום לעבהאַפטסטען. גלייכצייטיג דאַרף דער שטייער-לוסטראַטאָר זיך בעמיהען נישט צו שטערען דעם האַנדעל.

דער לוסטראַטאָר דאַרף ביים קאָנטראָלירען לעגען אויפמערקזאַמקייט, צי עס איז פערהאַן דער ריכטיגער פּאַטענט און אויב מען האט א הנחה-פּאַטענט — דאַרף ער נאָכזעהען, צי דאס בעקומען אַ הנחה פּאַטענט איז געווען בעגרינדעט. ער דאַרף אויך קאָנטראָלירען, צי עס איז פערהאַן אַ סקלאַד און צי מען האט דערויף אַ רעגיסטראַציע-קאַרטע.

גלייך ווי דער שטייער-לוסטראַטאָר קומט אַריין אין געוועלב, איז די ערשטע פונקציע דאס אַרומקוקען זיך אין געוועלב און דאס בעטראַכטען דעם לאַגער און נאָכזעהן, צי עס איז פערהאַן א שילד.

די צווייטע פונקציע איז: פעסטשטעלען וויפיעל פּערזאָנען עס זענען בעשעפטיגט אין געוועלב, זייערע נעמען און פאַמיליע, עלטער און אַדרעסען. ער דאַרף אויך פערשרייבען די צאָהל לאַגערען.

די דריטע פונקציע איז: צו הייסען זיך דערלאַנגען די ביכער-רעכנונגען און אנדערע דאָקומענטען פון וואַנען מען זאָל קענען וויסען וואו און ביי וועמען מען קויפט סחורה און וואָסערע איינקויף-טראַנזאַקציעס מען מאַכט.

אין אויסנאַהם פאַלען, ווען דער לוסטראַטאָר האט א חשד, אַז מען בעהאַלט אויס אין דער וואוינונג סחורה, האַנדעלס-ביכער אָדער רעכנונגען און דאָקומענטען, פון וועלכע מען זאָל קאָנען בעקומען א פאָרשטעלונג וועגען אומזאַץ, דאַרף ער מאכען אַ לוסטראַציע אויך אין דער וואוינונג.

א לובלינער אַקאַדעמיע אין טשענסטאָכאָוו.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַקציע צו סטאַביליזירען די ישיבת חכמי לובלין, וועלכע איז געגריגדעט געוואָרען דורך דעם אונפערגעסליכען לובלינער רב, מהר"ם זצ"ל שפּיראַ, קומט פאָר זונטאג ה' שבט 6 א זייגער אָוועגד אין דער שטאָדט-שוהל אַ גראַנדיעזע אַקאַדעמיע, מיט'ן אנטייל פון בעקאַנטען רעדנער און שרייבער, ר' משה חיים לויא, בעריהמט אלס שאצער רב (היינט רב אין פּיעטרקאָוו) און אַ רייה תלמידים פון דער ישיבה.

די תלמידים פון דער לובלינער ישיבה, וועלכע זענען אויפגעצויגען געוואָרען אונטער דער דירעקטער השפּעה פון הרב שפּיראָ זצ"ל, זענען בעקאַנט מיט זייער פאָלקאָמענע השלמה און רעדנער קראַפט. דאס גאַנצע יודישע טשענסטאָכאָוו ערוואַרט דעריבער מיט'ן לעבעדיגסטן אינטערעס די אויבענדערמאַנטע רעפּרעזענטאַנטן פון די חשוב'ע געסט.

גרויסע ווערביר—און אָרגאַניזיר-אַקציע פון דער ליגע

אויף א בעראַטונג פון די צענטראַל-קאָמיטעטען פון די אָרגאַניזאַציעס, וואס געהען אַריין אין דער ליגע איז געוואָרען בעשלאָסען צוצוטרעטען צו א פערשטאַרקטער אָרגאַניזיר אַרבייט פון דער ליגע פאַר'ן אַרבייטענדען ארץ-ישראל און צו בעשטימען די חדשים יאַנואַר און פעברואַר אלס ליגע חדשים.

דער ציעל איז: 20.000 גוט-צאָהלענדע מיטגלידער. די ווערביר און אָרגאַניזיר-אַקציע וועט ווערען דורכגעפיהרט איבער'ן גאַנצען לאַנד. ס'ווערען צוגעגרייט 23 קרייז-קאָנפערענצען מיט'ן אנטייל פון אלע אָרג. פון ארב. א"י.

אין דער ליגע צענטראַלע האבען זיך ביז איצט אנגעשלאָסען: די פּועלי-ציון (צ. ס.), צ. ס. א. פ. התאחדות, השומר-הצעיר, צענטראַל-ביוראָ פון די ליגע-גרופּען ביי די לינקע פּועלי-ציון, החלוץ, העובד, הפועל, גורדוניה, פרייהייט, החלוץ-הצעיר, פערבאַנד פון צ. ס.-אַקאַדעמיקער, דת ועבודה, צענטראַלער פּראָפ.-ראַט פון יוד. קלאַסען-פעראיינען.

ס'ווערען געפיהרט פערהאַנדלונגען מיט א שורה אנדערע אָרגאַניזאַציעס וועגען זייער אנשלוס אין דער ליגע.

אלס לייטער פון דער ליגע איז געוואָרען בעשטימט ח' ל. שפּיזמאַן. א סעקרעטאַריאַט פון פאָרשטעהער פון גרעסטע אָרגאַניזאַציעס בילדעט דעם אויספיהר אָרגאַן פון דער ליגע.

צו וואס טויג עס?

דער טאַנץ לעהרער ה' קאָסטעצקי בעט אונז אין זיין נאָמען אויפמערקזאַם צו מאַכען, אז א געוויסער יודישער יונגערמאַן, וועלכער מאכט זיך צו איהם א אונזיניגע פּרעטענסיע טעראָריזירט און שטערט די שילער צו קומען אויף די פּראַקטישע לעקציעס.

אַזאַ מין אַרט האַנדלען איז נישט עטיש. און ס'איז אויך נישט געוואונשען. צו וואס טויג עס?

דער סטאַראָסטע לוסטרירט די געוועלבער.

דער היגער סטאַראָסטא ה' ראַזמאַריגאָווסקי האט דעם 11 ד. ח. אַדורכגעפיהרט א לוסטראַציע פון די געוועלבער אין פּאָוויאַט, אונטערזוכענדיג די פּרייזען און צי די פּרייזען זענען אַרויסגעשטעלט אויף אַן'אָנגעזעהען אָרט, צי די פּרייזען זענען אין הסכם מיט די פאַרגעזעהענע אין די פּרייז-ליסטעס.

דער סטאַראָסטא האט בעזוכט: אָסטראָוו, בלאַכאָווניע, הערבי, וועגלאָוויץ, ווירענטשיץ, טרוסקאָלאַס און טרושטשעוו.

דעם 13 ד. ח. האט דער סטאַראָסטע ווידער לוסטרירט די געוועלבער אין טשענסטאכאוו.

געגען די שולדיגע אין נישט-אָבהיטען די געהעריגע פאָרשריפטען זענען צונויפגעשטעלט געוואָרען פּראָטאָקאָלען.

דעלעגאַציע פון אַרבייטסלאָזע אין מאַגיסטראַט.

אין הסכם מיט די לעצטענס איינגעפיהרטע פאַרשריפטען, האבען דאס רעכט צו געניסען פון דער שטיצע פון אַרבייטס-פאָנד נור די דאזיגע אַרבייטסלאזע, וואס זענען בעפרייט געווארען פון עפענטליכע ארבייטען און אין יאהר 1935 אַדורכגעאַרבייט 15 וואָכען, אין יאהר 1936 — 104 טעג.

פון דער אַלגעמיינער צאָהל 1800 אַרבייטסלאזע, וועלכע האבען אין פּויריגען יאהר געאַרבייט אויף די עפענטליכע ארבייטען, האבען די פולע קוואַליפיקאַציעס אויף צו געניסען פון דער שטיצע בלויז אַנ'ערך 1000 אַרבייטער און די איבריגע האבען נישט בעוויזען אין יאָהר 1936 אַדורכצואַרבייטען פולע 104 טאָג.

די דאזיגע טייל אַרבייטסלאָזע, וועלכע זענען געבליבען מחוץ דעם געזעץ, געניסען אדער וועלען אין דער קורצער צייט געניסען פון דער לעבענסמיטעל-הילף.

א דעלעגאַציע פון די דאזיגע אַרבייטסלאָזע האט זיך דעריבער נעכטען געוואנדען וועגען הילף אין מאגיסטראט. דער פּרעזידענט האט צוגעזאגט די דעלעגאטען, אז ער וועט מאכען אלע בעמיהונגען גינסטיג צו ערלעדיגען דעם ענין און ספּעציעל וועגען דעם אַרויספאָהרען אין אַרבייטס פאָנד קיין ווארשא.

היינט דער פּראָצעס געגען די שולדיגע אין די אַנטי-יודישע אונרוהען אין פּשיסטאָן.

היינט, פרייטאג, וועט דורכ'ן היגען קרייז-געריכט בעטראַכט ווערען דער פּראָצעס פון די שולדיגע אין די אַנטי-יודישע אָנפאַלען אין פּשיסטאָן, וועלכע זענען פאַרגעקומען דעם 3 לוטי פ.י.

אויף דער בעשולדיגונגס באַנק געפונען זיך 17 אָנגעקלאָגטע מיט יאַן קאָספּושיצקי אין דער שפּיץ, וועלכע ווערען בעשולדיגט אין אומדרעהען און פערניכטען יודישע סטראַגאַנעס, אויסהאַקען שויבען אין די יודישע וואוינונגען און צושלאָגען עטליכע סוחרים.

צום פּראָצעס זענען אַרויסגערופען געוואָרען עטליכע צעהנדליגג עדות.

„TRIOKONG"
Zakłady Przemysłu Radiowego
Częstochowa, Garibaldiego 28. Tel. 10-99

Polecamy pierwszorzędnej jakości radioodbiorniki

COLUMBUS 937
3 lampy z 4 prostownicą

LECH
2 lampy z 3 prostownicą



wszelkie informacje i demonstracje w firmie
N. TAJCHNER
Częstochowa, Aleja 14
tel. 17-91.

Pryw. Kursy Dokształcające Gimnazjalne

zatwierdzone przez Kuratorium O. S. K. przyjmują zapisy kandydatów(ek) na **nowe półrocze szkolne.**

Kurs jednej klasy trwa 5 miesięcy.

Przygotowuje się w zakresie wszystkich klas oraz do egzaminów wstępnych do gimnazjum, matury.

OPŁATA MIESIĘCZNA BARDZO NISKA i PRZYSTĘPNA.

Na kursach wykładają dyplomowani profesorowie miejscowych szkół średnich. Nauka w godzinach wieczornych.

Kancelarja czynna jest od 6 — 7 w. **II Aleja 20, II brama, lewa strona.**

Kursy Buchalteryjno-Handlowe

pod kierownictwem R. German - Szumacherowej

rozpoczynają przyjmowanie zapisów na wykłady Buchalterji prowadzone indywidualnie i zbiorowo.

Tamże kurs nauki na maszynach do pisania, liczenia i na powielaczach.

Kancelaria: ul. Dąbrowskiego 11, parter, front. telef. 22-75.

KINO „EDEN".

היינט — פּרעמיערע!
גיגאַנטישער פילם —
דאס גרעסטע קונסטווערק!

ANTHONY ADVERSE

גיגאנטישע עפּאָפּעע, וואס שפּילט זיך אָב אין 3 קאָנטיגענטען.
3 שעה אונגעוועהנליכע איינדרוקען.

Kino „LUNA"

היינט — פּרעהליכע פּרעמיערע!
שלאָגער פון עסטרייכישער פּראָדוקציע

SKOWRONEK

אין די הויפּט-ראָלען:
מאַרטאַ עגערט--קעפּוראַ
האַנס שענקער א. א.

Kino-Teatr „STYLOWY"
Aleja 27.

דער הערליכסטער פילם פון אלע צייטען

ZAŁOGA

אין די הויפּט-ראָלען:
אַנאַבעלאַ
זשאַן מוראַט און טשאַרלז פאַרעל.

פאַרבערייי און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
ב. יאָסעלעוויטשאַ 11
(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאַפּעלושאַרניע)

קראַגענס ווערען געוואַשען מיט דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ.

ספּעציאַליטעט:
1) אויפפרישען (פאַרבען) לעדערנע קורטקעס,
2) פאַרבען לויט מוסטערן,
3) רעטאַשירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויס'ן אָרט),
4) כעמיש רייניגען און פּאַסאַנירען קאַפּעלושן,

מוסטער-גימנאַסטיק פאַר פרויען.

לויט'ן מוסטער פון די פריגע יאָהרען, וועט אויך היי-יאָהר אין „מכבי" איינגעפיהרט ווערען די מוסטער-גימנאַסטיק פאַר פרויען, וועלכע קומט פאָר אין די אָווענד-שעה'ן.